STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05399

# DI FROY UN DI ARBEYTER-FRAGE

Paul Lafargue

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פויל לאפארג.

# די פרוי

און

# די ארבייטער־פראגע

איבערזעצט פון א. ל.

פערלאג „פראגרעס"ווארשא נאלעווקי 86

תרס"ו—1906

פרייז 8 קאפ'

ЖЕНЩИНА (Die Frau).
ПОЛЬ ЛАФАРГЪ Переводъ А. Л.

Изданіе Книгоиздательство „Прогрессъ," Варшава, 1906 г.

Дозволено цензурою Вильна, 8 Марта 1906 г.

Тип. И. Эдельштейна Варшава, Налевки 38.

פויל לאפארג.

# די פרוי און די ארבייטער פראגע.

## I.

דער בורזשוא האט געמיינט און מיינט נאך יעצט, אז די פרוי איז בעשאפען געווארען צוליעב דעם אז זי זאל זיצען אין שטוב און בעשעפטיגען זיך נאר מיט הויזליכערווירטשאפט, צוזעהן דעם מאן, האבען קינדער און ניאנטשען די קינדער. שוין דער גריכישער שרייבער קסענאפאנט, וואס האט געלעבט אין דער צייט, אז די בורזשואזיע איז נאר וואס געבארען געווארען און האט בעקומען איהר קענטיגען פנים אין דער אלטער געזעלשאפט, האט ער אנגעצייכענט מיט גרויסע שטריכען דעם אידעאל פון א פרוי.

נאר אויב יענער אידעאל האט זיך געקענט דוכטען א פערנינפטיגער אין א משך פון הונדערטער יאהרען, דערפאר וואס ער האט זיך געפאסט צו די דאמאליגע בליהענדע עקאנאמישע בעדינגונגען, איז ער יעצט, ווען די גוטע בעדינגונגען זענען פערשוואונדען, שוין א פשוט'ע אידעאלאגישע *) איבערבלייבעכטס פון די אלטע גוטע צייטען.

*) וואס עקסיסטירט בלויז אין דער אידעען־וועלט וואס האט ניט קיין פערבינדונג מיט דעם ווירקליכען לעבען.

די פערשקלאפונג פון דער פרוי צו הויזליכער ווירטשאפט איז נויטיג בלויז ביי אזעלכע אומשטענדען, ווען די מאסען מלאכות וואס זי האט צו טהון אין דער בעל הבתישקייט, נעהמען צו איהר גאנצע ענערגיע! דאך — די וויכטיגסטע און די שווערסטע פון אט די מלאכות, ווי: שפינען וואל און לייווינד, שטריקען, און נייהען קליידער, וואשען וועש, באקען ברויט און ז. וו. ווערט דאס אלץ היינט געמאכט דורך די קאפיטאליסטישע אינדוסטריע. די דאזיגע פערשקלאפונג לאזט אויך דענקען, אז דער מאנספערזאן פערזיכערט דורך זיין פער־מעגען און איינקאמען זיין פאמיליע די חיונה. אין היינטיגער צייט אבער איז א שדוך ביי דער פערמעגענדער בורזשואזיע פונקט אזא פעראייניגונג פון פערזאנען ווי א פעראייניגונג פון קאפיטאלען; אפט גיט אפילו די כלה מעהר נדן ווי דער חתן *).

און ביי דער קליינבורזשואזיע איז דעם פאטער'ס פרנסה אזוי שטארק געפאלען, אז די קינדער, ווי די זיהן, אזוי די טעכטער, — זענען געצוואונגען פערדינען זייערע לעבענסמיטעל דינענדיג אין א האנדעלס געשעפט, אין באהן־קאנטארען, אין די בענק, בעשעפטיגענדיג זיך מיט לעהרעריי, אין די פאסט־קאנטארען און ז. וו. און עס טרעפט אפט אז די יונגע ווייבעל געהט נאך דער חתונה אזוי ווי פאר דער חתונה, אוועק ארבייטען אויסער הויז', אום צו העלפען דעם מאן פערדינען אויף דער הוצאה.

---

*) דער נדן האט געשפילט די הויפט ראלע אין דער געשיכטע פון דער פרוי; אין אנהויב פון דער פאטריארכאלער פעריאדע, דאס הייסט דאן ווען דער מאנספערזאן האט נאר וואס א־געהויבען צו שפילען די הויפט ראלע אין דער פאמיליע, קויפט דער מאן זיך א פרוי; דער פרוי'ס פאטער איז מחויב אבצוגעבען צוריק די סומע וואס ער האט פאר איהר בעקומען, אין פאל ווען דער מאן גט זיך מיט איהר, און זי קעהרט זיך אום צוריק צו איהר פאמיליע: אט דאס אויפקויף־געלד געהט איבער צו דער כלה און ווערט איהר נדן, צו וועלכען איהרע עלטערן לייגען צו נאך אמאל אזוי פיעל. ווי נאר די פרוי געהט אריין אין מאנ'ס הויז מיט איהר נדן הערט זי אויף צו זיין א שקלאפין, וואס מען קען זי ארויסטרייבען פון זיך, פערקויפען, אדער הרג'ענען, אין רויב, אדער אין אטהען, דער הויפטשטאדט פון'ם אלטען גריכענלאנד, ווען דער מאן האט זיך בענוצט מיט'ן נדן פאר וועלכען ער האט געגעבען א משכון זיין פערמעגען, איז אין פאל פון א גט אדער ווען מאן און ווייב געהען זיך אזוי פו אנדער, איז דער מאן געווען מחויב אבצוגעבען דעם נדן פריהער פאר יעדען א־דער חוב. „מען טאר זיך ניט בענוצען מיט די רייכטומער, וואס די

די מיידלעך און פערהייראטעטע פרויען, אין דער קליינבורזשואזיע אזוי ווי אין דער ארבייטערקלאסע, ווערן אויף אזא אופן קאנקורענטקעס זייער אייגענעם פאטער, זייערע אייגענע ברידער און מאנען.

אט דער עקאנאמישער קאמפף, וואס די בורזשואזיע האט איהם ניט געלאזען ארויסווייזען זיך אין זיין גאנצער מאכט, האלט די פרוי איינגעשפארט אין דעם הויזיגען צירקעל און ווערט פערשפרייט און פערשטארקט וואס מעהר עס ענטוויקעלט זיך די קאפיטאליסטישע פראדוקציאן. אט דער קאמפף צווישען זיך האט ארומגעכאפט דעם קרייז פון די איידעלע מלאכות: געריכט, ליטעראטור און נאטור־וויסענשאפטען, וואס דער מאנספערזאן האט זיי אריינגענומען אין זיין מאנאפאל און וואס ער מיינט אז די מאנאפאל איז זיינע אויף אייביג. די ארבייטער, ווי אימער, האבען די ערשטע פערשטאנען דעם לאגישען פועל יוצא פון דער פרוי'ס אנטייל נעהמען אין דער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן; זיי האבען פערביטען דעם אידעאל פון א בעל מלאכה. פון א פרוי א בעל הבית'טע, אויף א נייעם אידעאל פון א פרוי — א חבר'טע אין עקאנאמישען און פאליטישען קאמפף צו פערגרעסערן דעם ארבייטסלויהן און בעפרייען די ארבייט. די בורזשואזיע איז נאך ניט געקומען דערצו אז זי זאל פערשטעהן, אז איהר אידעאל איז שוין לאנג אבגעלעבט, אז מען דארף איהם בעגראבען, אז ער האט זיך געפאסט צו אמאליגע אבער ניט יעצטיגע בעדינגונגען פון'ם געזעלשאפטליכען לעבען. שוין זייט דער ערשטער העלפט פון'ם נייצעהנטען יאהרהונדערט האבען די דאמען פון דער בורזשואזנער קלאסע אנגעהויבען פראטעסטירען

---

ווייב טראגט אריין אין מאנס הויז" — ווערט גערעדט אין א שטעלע פון דעם אלטען גריכישען שרייבער איוריפידוס, — „אט די רייכטימער זענען נאר א שוועריגקייט צום גט'ן זיך". די קאמישע שרייבער מאכען שפאס פון די מענער וואס צוליעב דעם נדן פאלען זיי אונטער אונטער דער ווייבס פאנטאפעל. איין פערזאן ביי דעם שרייבער פלאווט זאגט צום מאן וואס קלאגט זיך אויף זיין פרוי: „דו האסט צוגענומען דאס געלד וואס די ווייב האט דיר אריינגעטראגען הייסט דאס דו האסט פערקויפט דיין מאכט". די רייכע רוימישע מאטראנען (דאמען) פלעגען קומען דערצו, אז זיי האבען אפילו ניט אנגעטרויט די מאנען די פערוואלטונג איבער זייער נדן, און האבען דאס איבערגעגעבען אנדערע אויפזעהער, וועלכע האבען אפט מאל אויך פערנומען דעם מאס שטעלע אין אנדערע ענינים, זאגט דער בייזער צונג פון'ם שרייבער מארציאל.

געגען זייער אונטערדריקטער לאגע אין דער פאמיליע; די אונטערדריקונג איז געווען נאך מעהר אונערטרעגליך. דערפאר וואס דער נדן, וואס זיי האבען אריינגעבראכט דעם מאן האט זיי געשטעלט אויף א גלייכע פוס מיט איהם. זיי האבען זיך געשטעלט ענטגעגען דער הויזליכער פערשקלאפונג און דעם קארג-קליינליכען ארט לעבען וואס זיי זענען געוויען געצוואונגען צו פיהרען און דערמיט אויך געגען דעם בערויבען זיי פון גייסטיגע און מאטעריעלע בערגניגענס. די סאמע דרייסטע פון זיי פלעגען דערגעהן אזוי וויים אז זיי פלעגען פאדערן פרייע ליעבע, און פלעגען זיך אנשליסען אן די סאציאליסטישע סעקטען וואס האבען געפרעדיגט די עמאנסיפאציע (בעפרייאונג) פון דער פרוי *).

די פילאזאפען און מאראליסטען (זיטענפרעדיגער) זענען געווען נאאיוו צו דענקען, אז זיי וועלען אבשטעלען די פרויען-בעוועגונג, ווען זיי וועלען איהר ענטגעגען שטעלען די הייליגע אינטערעסען פון דער פאמיליע, וועלכע, נאך זייער מיינונג, מוז חרוב ווערן, אויב די פרויענצימער וועט אויפהערן צו זיין אריינגעטהון מיט לייב און לעבען אין אלע קליינינקייטען פון שטוביגער ווירטשאפט: ווי צונייהען קנעפלעך צו העמדער, צירעווען זאקען און ז. וו. זי דארף זיך אבגעבען אט דער ערנידעריגענדער און אונדאנקבארער ארבייט צוליעב דעם אז דער מאנספערזאן זאל קענען פריי ענטוויקלען און ארויסשטעלען פאר דער וועלט אין פאלקאמענעם גלאנץ זיינע העכסטע פעהיגקייטען.

דיזעלביגע חכמים פרעדיגען די הייליגקייט פון דער פאמיליע און צו דערזעלבער צייט זאגען זיי שירים ותשבחות דער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע וואס רייסט אב די פרוי פון איהר פאמיליע, פון איהר קינד'ס וויגעלע, אום צו פערזעצען איהר

---

*) דער מאניפעסט פון דעם פראנצויזישען פילאזאף סען-סימאן (איינער פון די ערשטע סאציאליסטישע דענקער) פון דעם יאהר 1830 האט פראקלאמירט אז זיין לעהרע איז געקומען „מאכען א סוף צו אט דעם שענדליכעם האנדעל" אט די לעגאלע פראסטיטוציע, וואס אונטער דעם נאמען „הייראט" מאכט זי הייליג אפט די העסליכסטע פערבינדונג צווישען טרויהייט און עגאאיזמוס, בילדונג און אונוויסענהייט, יוגענד און אלטקייט.

אין דער פאבריק־קאטארגע און דערמיט צושטערט זי די ארבייטער־פאמיליע. די דאמען פון דער בורזשואזיע האבען געמאכט חוזק פון די נארישע דרשות פון אט די שטרענגע זיטענלעהרער; זיי זענען זיך ווייטער געגאנגען זייער וועג און זענען געקומען צו דעם ציעל וואס זיי האבען זיך געשטעלט; אזוי ווי די פאטריציאנקע (גרויסארטיגער דאמע) פון דעם אלטען רוים און די אריסטאקראטקע פון'ם 18־טען יאהרהונדערט, האבען זיי אראבגעווארפען פון זיך אלע דאגות וועגען הויז ווירטשאפט און זויגען די קינדער אויף זייערע דינסטען, כדי זיי זאלען קענען אבגעבען זיך אין גאנצען דעם טאאלעט און די מאדע־מאגאזינען, און ווערען אליין פראכטפאל־אויסגעפוצטע פופען וואס בעשיינען די זאאלען פון די קאפיטאליסטען.

די מיידלעך און דאמען פון דער אמעריקאנער פלוטאקראטיע (געלד־זעק) האבען דערגרייכט די העכסטע שטופע פון אזא סארט עמאנסיפאציע; זיי לאזען זייערע פאטערס און מאנען אנקלויבען מיליאנען און זיי פערשווענדען די מיליאנען אויף א וואהנזיניגען אופן. דאך די טאאלעטען אליין בעשעפטיגען ניט אין גאנצען די טהעטיגקייט פון אט די טעכטער פון'ם קאפיטאליזמוס; צוליעב פערגניגען פערראטהען זיי די מאנען, דערוויזענדיג דערמיט מסתמא זייער אונאבהענגיגקייט און זייער וואונש אויסצובעסערן זייער ראסע, דאס הייסט ברענגען געראטענערע קינדער אויף דער וועלט. דער „קאמוניסטישער מאניפעסט" בעמערקט אז די מאסע פראצעסען וועגען אונטרייהייט צווישען מאן און ווייב און וועגען זייער פונאנדער געהן זיך און לעבען בעזונדער ווייזען טאקי מיט אותות ומופתים ווי אזוי די בורזשואזיע האלט הייליג דעם בונד צווישען מאן און ווייב, וואס די ליידאקעס די סאציאליסטען, ווי זיי זאגען, האבען געוואלט צושטערען.

ווען די טעכטער און פרויען פון דער קליינבורזשואזיע וואס זענען געצוואונגען צו געהן ארבייטען אום צו העלפען דעם מאן פערדינען אויף דער הוצאה, האבען אנגעהויבען צו פערפלייצען די מאגאזינען, אדמיניסטראטיווע אנשטאלטען, פאסט־קאנטארען און ליבעראלע פראפעסיאנען (אידעלע, גרינגע

מלאכות), דאַן איז אויף דעם בורזשואַ אָנגעפאַלען אַ ציטערנעם וועגען זיין אייגענעם פערדינסט, וואָס איז שוין אַזוי אויך קלענער געוואָרען, און וואָס זיי האָט יעצט געדראָהט אַ נייע געפאַהר צוליעב דער קאָנקורענץ פון די פרויען. די געבילדעטע לייט וואָס האָבען אויף זיך גענומען צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון די מענער, האָבען שוין מעהר ניט געהאַלטען פיר פאַסענד צו ווידערהאָלען די דרשות פון די מאָראַליסטען, וועלכע האָבען געהאַט אַ טרויעריגען דורכפאַל ביי די רייכע בורזשואַזנע דאַמען, און זיי האָבען זיך יעצט בעסער גענומען ברענגען ראַיות פון דער וויסענשאַפט. מיט אונבעשטרייטבאַרע און העכסט וויסענשאַפטליכע ראַיות האָבען זיי זיך גענומען בעווייזען, אַז די פרוי קען ניט אַרויס פון'ם צירקעל פון שטובינגער אַרבייט, אַז זי זאָל דערמיט אַליין ניט פערשטערען די געזעצע פון דער נאַטור און דער היסטאָריע; מיט אַ בעזונדער פערגניגען האָבען זיי פערזיכערט, אַז די פרוי איז אַ בעשעפעניס אַ נידריגערע, וואָס איז ניט פעהיג אָנצונעמען אַ העכערע גייסטיגע קולטור און אַרויסווייזען אַזוי פיעל אויפמערקזאַמקייט, ענערגיע און געשיקטהייט, וואָס עס פאָדערן די פראָפעסיאָנען, אין וועלכע זיי זענען אַריינגעטראָטען אין אַ קאָנקורענץ מיט דעם מאַנספערזאָן. איהר מאַרך, זאָגען זיי, איז קלענער, איז ווענינגער שווער און פשוט'ער געבויט, ווי דער מאַרך פון אַ מאַנספערזאָן; ער איז אַ קינדערשער מאַרך, זאָגען זיי, איהרע מוסקלען זענען ווענינגער ענטוויקעלט, האָבען ניט די קראַפט אָנצורוקען און אויסהאַלטען אַ ווידערשטאַנד; אַלע איהרע ביינער, מוסקעלן און נערווען-סיסטעם ווייזען אַז איהר איז בעשערט די ראָלע פון אַ הוהן וואָס דאַרף נאָר זיצען אויף אייער און אויספיהרען היהנדעלעך. מיט איהר גאַנצען קערפער-געבוי האָט איהר די נאַטור בעשטימט פיר אַ שקלאַפין פאַר דעם מאַנספערזאָן, פונקט אַזוי ווי דער יודישער און קריסטליכער גאָטט האָט דורך זיין קללה פערמשפט חם'ס געשלעכט צו שקלאַפעריי. די געשיכטע האָט גלענצענד בעשטעטיגט זייערע כלומרשט הויך-וויסענשאַפטליכע וואַהרהייטען. די פילאָזאָפען און היסטאָריקער האָבען אונז פערזיכערט אָט אין

וואָס די געשיכטע לערנט אונז, אַז אַלע מאָל און אומעטום איז די פרוי, וואָס איז געווען אונטערגעוואָרפען דעם מאַן, געווען פערשלאָסען אין שטוב ווי אין אַ טורמע. און אויב אַזוי איז געווען איהר מזל אין דער פערגאַנגענהייט, דאַרף שוין אַזאַ מזל איהרער אויך זיין אין דער צוקונפט; אַזוי האָט בפירוש געמעלדעט דער אָגיוסט קאַנט דער טיפזיניגסטער בורזשואַזנער פילאָזאָף. לאָמבראָזאָ, דער בעוואוסטער צודרעהטער, האָט איהם אַ שטאָך געגעבען, פערזיכערנדיג ערנסט, אַז די געזעלשאַפטליכע סטאַטיסטיק האָט בעוויזען, אַז די פרוי האָט אמת טאַקי אַ נידריגערן קערפער־געבוי, דען די צאָהל פערברעכען וואָס די פרויען בעגעהען, איז נידריגער פון דער צאָהל פערברעכען וואָס ווערט בעגאַנגען פון מענער; ווען מען זאָל ריידען וועגען ציפער, וואָלט ער געקענט צוגעבען, אַז די סטאַטיסטיק פון וואַהנזיניגקייט בעווייזט דאָס־זעלבע. בכן זעהט מען, אַז די מאָראַל, די אַנאַטאָמיע, די פיזיאָלאָגיע, די היסטאָריע און די געזעלשאַפטליכע סטאַטיסטיק האָבען שוין אָבגעפסקענט דער פרוי אויף אייביגע שטוביגע שקלאַפעריי.

## II.

באַראָפען, מאָרגאַן און אַ סך אַנדערע געלעהרטע וואָס קענען גוט דעם מענשענס ענטוויקלונג, האָבען איבערגעקוקט די מיינונגען פון די היסטאָריקער און פילאָזאָפען וועגען דער פרוי'ס ראָלע אין דער פערגאַנגענהייט; זיי האָבען בעוויזען, אַז אומעטום ביז עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער פאַטריאַרכענטום, דאָס הייסט דער צושטאַנד, ביי וועלכען דער מאַן איז געוואָרען בעל הבית און די פרוי איז איהם געוואָרען אונטערגעוואָרפען, האָט עקסיסטירט דאָס מאַטריאַרכענטום, וועלכע האָט פערשאַפט דעם ערשטען פלאַץ אין דער פאַמיליע דער פרוי. ביי דעם אַלטען גריכישען שרייבער העזאָדיוס געפינען מיר, אַז אין יענע צייטען

ווען עס האט געהערשט דאס מאטריארכענטום, האט דער מאנספערזאן, אפילו זייענדיג אלט הונדערט יאהר, געלעבט געבען זיין קלוגער מאמען; ער איז געווען ביי איהר אויף קעסט ווי א דערוואקסענע קינד.

דערפון זעהען מיר אז ניט די פרוי, נאר דער מאן האט געהאט אין יענע צייטען א „קינדערשען מוח"; אלע פאקטען וואס מען קען ברענגען פון יענע צייטען בעווייזען אונז דייטליך, אז דער פרוי'ס פערשטאנד האט זיך פריהער אנגעהויבען צו ענטוויקלען. אט די העכערע גייסטיגע ענטוויקלונג האט געבראכט דערצו, אז אין די גאר אמאליגע גלויבענ'ס פון עגיפטען, אינדיען, אזיען און גריכענלאנד איז די פרוי פריהער געווארען פערגעטערט ווי דער מאנספערזאן, און אז די ערשטע ערפינדונגען אין קונסט און האנדווערקעריי, אויסער די בעארבייטונג פון מעטאלען, זענען געווען געווידמעט די געטינען און ניט די געטער.

אין גריכענלאנד, נאך א לאנגע צייט פאר דעם גאט אפאלא האבען די דריי מוזען (געטינען; אין גריכענלאנד זענען שפעטער געווען אזעלכע 9, נאר פון אנהויב ניט מעהר ווי דריי) זיך גערעכענט פאר די געטינען פון פאעזיע, מוזיק און טאנצען. איזידא, די געטין פון זאנגען און ברויט און דעמעטרא די געזעצגעבערין האבען די ערשטע געלערנט די עגיפטער און צו זייען גערשטען און ווייץ און האבען זיי אבגעוועהנט פון מענשענפרעסעריי.

די פרוי איז געווען אין דער פאר־פאטריארכאלער פעריאדע, ווי אויך ביי די גאר אמאליגע דייטשען אין א געוויסען גראד א היילינגעס וועזען. איהר פערנינפטיגקייט און פארזיכטיגקייט האבען איהר צוגעגעבען אט דעם געטליכען כאראקטער.

צי דארף מען אבער דערפון דרינגען, אז אזא גייסטיגער העכערער צושטאנד וואס האט זיך ארויסגעוויזען אין דער גאר פארצייטיגען עקאנאמישען לעבען, איז א נארמאלע ערשיינונג?

אלענפאלס קען מען זאגען אויף געווים אז די דווערהאפטיגקייט פון דער פרוי איז מעהר פאר דער דווערהאפטיגקייט

פון'ם מאן. די לעבענספערזיכערונג קאמפּאניעס אין די פעראייניטע שטאאטען, ענגלאנד און האלאנד וועלכע בויען זייערע רעכנונגען ניט אויף די וויסענשאפטליכע אונזיניגקייטען פון די בלומרשט געבילדעטע לייט, נאר אויף די טאבעלען וואס ווייזען די צאהל פון שטערבליכקייט ביי די מענער און פרויען, גיבען דער פרוי ארויס א לעבענסלענגליכען געהאלט א וויניגערן ווי דעם מאנספערזאן, ווייל זי האט וועניגער שאנסען צו שטארבען פאר דער צייט.

אט איז צום ביישפּיעל א טאבעלע פון לעבענסלענגליכער רענטע, אויף א קאפּיטאל פון 1000 פראנק, וואס די אמעריקאנער און האלענדער לעבענספערזיכערונג געזעלשאפטען גיבען ארויס.

| אין דעם אלטער פון | גיט ארויס די געזעלשאפט „ניו־יארק" מענער פראנק. | סאנט. | פרויען פר. | סאנט. | די האלענדער געזעלשאפט מענער פראנק. | סאנט. | פרויען פר. | סאנט. |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 50 יאהר | 76 | 44 | 69 | 57 | 76 | 80 | 73 | 60 |
| „ 60 | 97 | 24 | 88 | 03 | 98 | 50 | 93 | 50 |
| „ 70 | 134 | 31 | 122 | 48 | 142 | 00 | 136 | 70 |
| „ 80 | 183 | 95 | 168 | 00 | 222 | 70 | 211 | 70 |

דער פרוי גיט מען אלזא וועניגער ווייל מען רעכנט, אז זי וועט אויסלעבען מעהר און בעקומען סוף כל סוף אזוי פיעל ווי דער מאן.

געגען דעם פאקט וואס די פרוי לעבט אוים מעהר קען מען ענטפערן: דער מאנספערזאן פערברענגט זיין לעבען מעהר אין בעוועגונג, ווי די פרויענצימער, איז ער מעהר אויסגעזעצט דער געפאהר פון אונגליקס צופאלען, קראנקהייטען און אנדערע טויט־אורזאכען ווי די פרוי, און דריבער איז דאס וואס די פרוי לעבט לענגער א סימן ניט אזוי דערפון וואס איהר ארגאניזם איז א מעהר דויערהאפטיגער, ווי אז זי לעבט אין בעסערע בעדינגונגען וועלכע זעצען איהר אוים וועניגער דער געפאהר פון פערשידענע אונגליקליכע צופאלען.

די פאלקסצעהלונג גיט אן ענטפער אויף אזא ערווידערונג.

אין קיין איינציג לאנד עקסיסטירט ניט קיין פאלקאָמענע גלייכגעוויכט צווישען דער צאָהל מענער און פרויען. אין בעלגיען איז אויף 1000 מענער דאָ 1005 פרויען, אין פראנקרייך 1014, אין ענגלאנד 1062, אין שאָטלאנד 1071 אין נאָרוועגען 1091. פון דעסטוועגען איז אין אָט די אלע לענדער וואו די פרויענבעפעלקערונג איז א גרעסערע ווערן דאָרט געבאָרען מעהר יונגלעך. אין אלגעמיין ווערן אין מערב אייראָפא אויף 1000 מיידלעך געבאָרען פון 1040 ביז 1060 יונגלעך. ווען אָבער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס ווערן געבאָרען מעהר יונגלעך, לעבען אויס מעהר מיידלעך, איז די אורזאכע פשוט וואָס די יונגלעך שטארבען אויס מעהר און דאָס גיט די איבערגעוויכט אויף דער זייט פון די מיידלעך און מען קען דאָס ניט ערקלערן דערמיט וואָס די מענער-לעבען איז מעהר אויסגעזעצט דער געפאהר, ווייל אָט די שטערבליכקייט איז בעזאָנדערס גרויס אין די פריהעסטע קינדער-יאָהרען, נעמליך אין די ערשטע צוויי יאָהר. אלע קינדער-קראנקהייטען אויסער דיפטעריט און קאָקליוש, מאכען צווישען יונגלעך אסך א גרעסערן חורבן ווי צווישען מיידלעך; ביז 5 יאָהר איז דעם יונגעל'ס אָרגאניזם גאָר שוואך; אין אלע עלטערס, אויסער די צייט צווישען 10 און 15 יאָהר, איז די שטערבליכקייט צווישען די מענער א סך גרעסער ווי צווישען די פרויען.

א העכערע לעבענספעהיגקייט איז צו מערקען ביי דער פרוי דערפאר וואָס איהר אָרגאניזם לאָזט זיך לייכטער קורירען אין פאל פון א קראנקהייט. הערר איריב דער דירעקטאָר פון דעם סאנאטאָריום (הויז צו קורירען און שטארקען קראנקע און שוואכע קינדער) אין דער ענגלישער שטאָדט הענדיי, וואוהין מען שיקט פון 3 ביז 14 יאָהריגע פאריזער קינדער, וואָס ליידען מיט בלוטאָרעמקייט, אָנפאנג שווינדזוכט, זאָלאָטוכע און אנדערע קראנקהייטען — בעווייזט אז אין צייט פון א האלב יאָהר איז די פערגרעסערונג אין וואָג, אין וואוקס און אין דער ענטוויקלונג פון דער ברוסט-קעסטעל אסך העכער ביי מיידלעך ווי ביי יונגלעך, צייטען ווייז צוויי מאָל אזוי הויך און אָפט נאָך העכער.

דאָס זעלבע זאָגען אויך דירעקטאָרען פון אנדערע הייל־אַנ־שטאַלטען. די פרוי בעזיצט אָהן א צווייפעל מעהר לעבענס־פעהיגקייט ווי דער מאַנספערזאָן. דאָס איז בעוויזען געוואָרען דורך אויספאָרשונגען וואָס דאָקטאָר לואַזעל האָט געמאַכט איבער־וועגענדיג און איבערמעסטענדיג 792 מפיל־קינדער פון 5, 4, 3 און 6 מאָנאַטען און געפונען אַז שוין אין מוטערלייב זענען די נירען, די אונטערנירען, דער לעבער און די האַרץ מעהר ענטוויקעלט ביי פרויענפרוכט, ווי ביי מענער־פרוכט, כאָטש דער אַלגעמיינער געוויכט איז מעהר ביי מענער־פרוכט, ווי ביי פרויענפרוכט. אפילו דער מארך, אין פערגלייך מיט דעם אַל־געמיינעם געוויכט פון'ם קערפער, איז ביי דער פרויענצימער שווערער.

אין אַלגעמיין, זאָגט לואַזעל, זענען אַלע אברים, ביז דעם פערטען מאָנאַט, שווערער ביי פרויענפרוכט, ווי ביי מענער־פרוכט. ווייטער פון 4־טען מאָנאַט זענען בלויז די לונגען בע־סער ענטוויקעלט ביי מענער פרוכט. און די גלידער וואָס אין זיי ווענדט זיך די רעכטע לעבענסטהעטיגקייט, ווי צום ביישפיעל: די מוסקעלן פון'ם האַרצען זענען אימער שווערער ביי פרויען, ווי ביי מענער, דאָס גלייכען זענען די אָרגאַנען וואָס דיענען אויף פאָרטפלאַנצען דעם מין, אויך ענטוויקעלט מעהר ביי דעם פרויענגעשלעכט *). אַז מיר וועלען יעצט אַריינגעהמען אין זינען, אַז דער אונטערשיעד לטובת דער פרויענפרוכט איז בעזאָנדערס גרויס פאַר דעם לעבער, דער האַרץ און די נירען, קענען מיר קומען צום שלום אַז די גרעסערע לעבענספעהיגקייט פון די פרויען־אָרגאַניזמען העננט אָב פון דעם וואָס זיי זענען געזינטער און פאָלקאָמענער געבויט.

*) די לעצטע אויספאָרשונגען וואָס מען האָט געמאכט איבער מוראשקעס און ביהנען בעוויזען, אַז פון די בעפרוכטעטע אייעלאך ווערען געבאָרען זי'ען און ארבייטערינס, און פון די ניט בעפרוכטעטע געהען ארויס ער'ען. בכן זענען די זכרים ביי אַט די ברואים אויך די פרוכט פון פשוט'ער אייעלאך.

# III.

דער בעסערער גליעדער־בוי וואס די פרוי בעזיצט פון
דער נאטור און וואס זיבערט איהר א גרעסערע לעבענספעהיגקייט,
ערקלערט זיך, וואהרשיינליך, מיט דער ראלע, וועלכע זי
שפיעלט אין פארטפלאנצען דעם מין. אט די ראלע דויערט און
מאטערט אוים אסך מעהר, ווי די ראלע פון א מאנספערזאן,
וועלכע דויערט נאר דעם מאמענט פון בעפרוכטונג, וועהרענד
דער פרוי'ס ליידען פאנגען זיך פון אט דעם מאמענט ערשט אן
און דויערן אין דעם משך פון לאנגע מאנאטען ווען זי שוואנגערט
און ביז נאכ'ן האבען. ביי די ווילדע, זויגען די מוטערס די קינ־
דער צוויי יאהר נאכאנאנד און מעהר. ביי די חיות בעצאהלט
דער זכר טייער פאר זיין גוטלאזיגקייט: די ביהנען־נקבות, נאכ'ן
צוזויפקומען זיך, דערהרג'ענען די זכרים, און דער „ער" ביי די
שפינען, דארף באלד נאכדעם, מאכען פלטה, כדי די „זי", וועל־
כע איז ביי די שפינען גרעסער און שטארקער, זאל איהם ניט
אויפפרעסען.

דאס ווילדע און בארבארישע (האלב ווילדע) לעבען ער־
לויבט דער פרוי אויפצוהאלטען און ענטוויקלען איהר העכערן
גייסטיגען צושטאנד, וואס זי בעקומט פון געבורט. יעדעס גע־
שלעכט בעקומט דא זיינע ספעציעלע ראלע און בעשעפטיגונג,
און דא הויבט זיך אן די צוטיילונג פון דער ארבייט. דער מאנס־
פערזאן וועלכענס ביין־ און מוסקעלן־סיסטעם איז מעהר ענטוויקעלט,
„פיהרט קריעג, געהט אויף פאליוואניע, חאפט פיש און רוהט זיך
אב", — אזוי זאגט א ווילדער פון אויסטראליען, מיינענדיג אז
אלע איבריגע מינים בעשעפטיגונג געהערן צו דער פרוי, — וואס
איהרע פליכטען העלפען צו ענטוויקלען גייסטיגע טהעטיגקייט.
אויף איהר ליגט די גאנצע פיהרונג פון דער הויז, אין וועלכע
עס לעבט אפט א גאנצער שבט — מעהר ווי 100 מאן: זי נעהט
קליידער פון חיה'שע פעלען און אנדערע גאר אמאליגע שטא־
פען, גיט אכטונג אויף דעם סאד, האדעווען שטוביגע בהמות,

מאַכט שטובּיגע געפעס; זי זעהט אײַנצושפּאָרען געלד, האָט אויף אַלץ אַ דעה, קאָכט עסען, צוטהײלט די גרינסען און פלײַשען, וואָס מען האָט אָנגעזאַמעלט פאַר אַ יאָהר.

די פרוי בעגלײַט אויך דעם מאַן צום שלאַכט־פעלד, העלפט איהם בשעת דעם קריעג, הויבּט אויף די פערוואונדעטע און זעהט זיי צו. איהר הילף האָט מען אין די אַלטע צײַטען הויך געשעצט; דאָס ווײַזען אונז אַ סך פאַקטען פון דער אַלטער געשיכטע.

אָט די פיעל־פאַכע און פערשיעדענע סאָרטען בעשעפטיגונג, וואָס נויטיגען דער פרוי צו דענקען, צו מאַכען השבונות, צו זאָרגען וועגען מאָרגענדיגען טאָג, פערקוקען ווײַט וואָס שפּעטער וועט זײַן, האָבען געמוזט ענטוויקלען איהרע גײַסטיגע פעהיגקײַטען. לויט די בעטראַכטונגען וואָס געלעהרטע האָבען געמאַכט איז אין דער מאָס פון די שאַרבּענס בײַ מענער און פרויען בײַ די נעגערס, בײַ די ווילדע פון אויסטראַליען און די רויט הויטיגע — אַ גאַנץ קלײנער אונטערשיעד, וועהרענד בײַ די געבילדעטע פעלקער איז דער אונטערשיעד אַ סך אַ גרעסערער.

פאַר דעם זאָרגלאָזען און אונפאָרזיכטיגען ווילדען איז די פרוי אַ מין געטליכע השגחה; זי איז אַ מין וועזען וואָס איז פערניפטיג און פאָרזיכטיג, אַ וועזען וואָס זאָרגט וועגען זײַן שיקזאַל פון געבאָרען טאָג ביז'ן סאַמע טויט.

בײַ דעם גאָר אַמאָליגען מענשען ווערט זײַן גלויבען געבויט אויף דעם גרונד פון די פאַסירונגען און אײַנדריקע פון'ם אַלטעגליכען לעבען; דריבער האָט דער מאַנספּערזאָן געדאַרפט אָנפאַנגען פון פערגעטערן די פרוי: די גריכען און רוימער אין דער פאָרהיסטאָרישער עפּאָכע, האָבען געגלויבט אַז זייער שיקזאַל שטעהט אונטער דער קאָנטראָלע פון די געטינען פאַרציען. דער דאָזיגער נאָמען בעדײַטעט אויף לאַטײַן: שפּאָרזאַם, עקאָנאָמנע, און אין גריכיש — אַ טײל (אַ פּאָרציע) וואָס קומט אָן אויף יעדען אײנעם בײַ'ן טײלען דעם עסען און די רויב.

אַז מיר וועלן בעפרײַען די רײַבע און פּאָעטישע מיטאָלאָגיע

(געטער-מעשיות) פון די גריכען פון יענע סימבאָלישע 1) אַלעגאָרישע 2) און מיסטישע 3) פירושים מיט וועלכע די פילאָזאָפען און פּאָעטען פונ'ם אַלטען גריכענלאַנד און רוים האָבען איהר בעלעסטיגט און פערדרעהט און וואס די דייטשע מיטאָלאָגען (פאָרשער פון דער מיטאָלאָגיע) און נאָך זיי די פראַנצויזישע און ענגלישע, האָבען איהר פערפלאָנטערט נאָך מעהר, וועט זי אונז ערשיינען אלס העכסט וויכטיגער דענקמאל פון פּאָרהיסטאָרישע מנהגים; מיר וועלען אין אַט די געטער מעשיות געפינען ערדינערונגען וועגען זיטען וואָס רייזענדע און אנטראָפּאָלאָגען 4) זעהען אזוי ווי אויפגעלעבט ביי די ווילדע און באַרבאַרען 5) פון אפריקאַ און אַמעריקאָ.

די אַלטע גריכישע מיטען (געטער-מעשיות) גיבען אונז אַ בעגריף וועגען דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון דעם מאַנספער-זאָנס און דער פּרויענצימער'ס ביי די אַלטע גריכען אין דער פאָר-פאַטריאַרכאַלער פעריאָדע.

יופּיטער דער „גאָט פון די אָבות", ווי די עלטעסטע גריכישע שרייבען רופען איהם, האט פערטריבען די געטינען פון'ם אָלימפּ (געטער-בארג), האט דאָרט איינגעפיהרט אַ פּאַט-ריאַרכאַט (מענער הערשאַפט), וועלכער האט עקסיסטירט אויף דער ערד שוין איינינע דורות; דער הייליגער הימעל שפּיגעלט אימער אָב די ערדישע זיטען, אזוי ווי די לבנה שלאָגט אָב די ליכטיגקייט פון דער זון. נאָר יופּיטער וועלכע האט, אזוי ווי יעדער באַרבאַר, געקענט בענוצען זיך מיט זיינע פויסטען, האט זיך בערימט אַז ער איז דער שטאַרקסטער פון די געטער, און אום צו האַלטען זיי אין צאַם, האָט ער געהאַלטען אַרום זיין טראָהן צוויי דינער קראַפט און געוואַלט, וועלכע זענען תמיד געווען גרייט צו געהאָרכען זיינע בעפעהלען. נאָך זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען איז ער געווען קנאַפּ וואָס פעהיג פערנעהמען דער פרוי'ס פּלאַץ און רעגירען איבער די אָלימפּישע געטער-פאַמיליע.

---

1) בילדליכע שפּראך, מליצה שפּראך. 2) פאבעל-שפּראך. 3) סודות'דיגע, קבלה-לשון. 4) געלעהרטע וואָס שטודירען דעם מענשענס ענטוויקלונג. 5) האלב ווילדע.

אום צו בעקומען אָט די פעהיגקייטען וואָס האָבען איהם געפעהלט, האָט ער, לויט ווי אַן אַלטער גריכישער שרייבער דערצעהלט, חתונה געהאַט מיט מעטיס, „די קליגסטע פון מענשען און געטער". די ווילדע און באַרבאַרען פלעגען אויפפרעסען דעם פיינד'ס האַרץ וואָס האָט זיך נאָך געצאַפּעלט אום צו בעקומען דעם פיינד'ס טאַפּפערקייט. אַזוי האָט אויך געטהון יופּיטער: ער האָט איינגעשלונגען זיין פרוי מעטיס כדי איהר חכמה און ליסטיג־קייט (חיטראָסט) זאָלען אַריין אין איהם, דען איהר נאָמען בעטייט אויף גריכיש, נעמליך, אָט די איינגעשאַפּטען; מען האָט גערעכינט אַז נאָר די פרויענצימער קען בעזיצען אַזעלכע מעלות.

נאָר אום צו בעקומען די דאָזיגע מעלות, האָט זיך געפּאָ־דערט, אַ פּנים, אַ געוויסע צייט, ווען מען זאָל אורטיילען נאָכ'ן בייזען שפּיצעל וואָס דער גאָטט פּראָמעטיי האָט איהם אַמאָל אָבגעשפּיעלט.

פּראָמעטיי האָט נעמליך, ווי די מיטאָלאָגיע דערצעהלט, געהרג'ט און צושניטען אויף שטיקער אַ אונגעהייער גרויסען אָקס. אין איין קופּע האָט ער געלייגט די פליישׁ, צוגעדעקט מיט דער פעל און פון אויבען געלייגט די געדערים; אין דער אַנדער קופּע האָט ער אַוועקגעלייגט די אָבגעגעסענע ביינער וועלכע ער האָט געשיקט בעהאַלטען אונטער שטיקער שמאַלץ.

— דו האָסט זעהר שלעכט צוטיילט — מאַכט צו איהם „דער טאַטע פון די געטער און מענשען".

— הויכבעריהמטער יופּיטער, דו גרעסטער פון די געטער. קלויב דיר אויס דעם טייל וואָס דיין קלוגער קאָפּ וועט דיך לערנען, האָט איהם געענטפערט דער פערשמיצטער יונג פּראָמעטיי.

דאַן האָט דער הערשער פון די הימלען, האָרכענדיג זיין זולל וסובא'דיגע שטים, גענומען אין האַנד אַ שטיק שמאַלץ און די גאַנצע קאָמפּאַניע פון'ם אָלימפּ האָט זיך געקאָטשעט פון געלעכטער, ער איז אַריינגעקומען אין ווילדען גרימצאָרען ווען ער האָט דער זעהן בלויז אָבגעגריזשעטע ביינער.

אזא שפאס האט זיך געקענט אבשפילען אויפ'ן אלימפ נאר דערפאר, וואס אויף דער ערד האט מען אויך געמאכט אזוינע פראבעס, וועלענדיג ווייזען דעם טאטען, אז זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען זענען נאך קנאפ ענטוויקעלט און ער קען ניט פערטרעטען דער מוטער'ס שטעלע און רעגירען איבער דער פאמיליע און צו האבען זאגען איבער דעם פערמעגען.

די העכערע לאגע אין דער פאמיליע און אין דער געזעלשאפט וואס דער מאנספערזאן האט זיך פערכאפט דורך רויהער געוואלט, האט איהם צו דערזעלבער צייט געצוואונגען צו ארבייטען מיט'ן מוח, וואס דערצו איז ער געוועזען וועניג געוועהנט. און ארבייטענדיג מיט'ן מוח האט ער בעקומען אלץ מעהר מיטלען צו גייסטיגער ענטוויקלונג. די אונטערדריקטע פרוי אבער, איז איינגעשלאסען געווארען אין דעם שמאלען פאמיליען-קרייז, וואו זי האט שוין מעהר קיין דעה ניט געהאט ווייל די פערוואלטונג האט ביי איהר אבגענומען דער מאן; זי האט שוין קיין שום בעריהרונג ניט געהאט מיט דער אויסער-ליכער וועלט און דריבער זענען ביי איהר צוגענומען געווארען די מיטלען צו ענטוויקלונג. אום צו פערשקלאפען איהר פאלקאם, האט מען איהר פערבאטען צו בילדען זיך, אזוי ווי דער מאנספערזאן.

און ווען ניט קוקענדיג אויף אט די שטיינער וואס מען האט געלייגט אין וועג צו איהר ענטוויקלונג און וואס האבען איהר געבראכט זעהר פיעל שאדען, האט דער פרוי'ס גייסט דאך זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט, איז דאס נאר דערפאר וואס איהר מארך האט זיך בענוצט מיט דעם פראגרעס פון די מענער, דען איין געשלעכט גיט איבער דעם אנדערן די אייגענשאפטען, וואס ער האט אליין ערווארבען: אזו צום ביישפיל בעקומען געוויסע מינים היהנער בירושה פון די העהנער שטארק ענטוויקעלטע שפארען און אנדערע מינים היהנער גיבען, פערקעהרט, די זכרים איבער בירושה זייערע אונגעהייערע קאמען.

„צום גליק", — זאגט וועגען דעם דארווין, — איז ביי ביידע געשלעכטער פון די זויגעטהירען כמעט א כלל, אז זיי

גיבען איבער איינער דעם אנדערן בירושה זייערע איינגענשאפטען; אז ניט, וואלט דער מאנספערזאן, וואהרשיינליך, געווען אויף אזוי פיעל העכער פון דער פרוי אין גייסטיגער הינזיכט, אויף וויעפיעל דער „ער״־פאווע שטייגט אריבער די „זי״־פאווע מיט זיינע שיינע פעדערן.

אבער איין געשלעכט גיט איבער דעם אנדערן בירושה ווי די מעלות אזוי די חסרונות. ווען די פרוי האט געצויגען נוצען פון דעם גייכטיגען פראגרעס וואס דער מאן האט דער־גרייכט, איז אבער דעם מאנס ענטוויקלונג אבגעהאלטען געווארען דורך דער לאנגזאמער ענטוויקלונג פון דער פרוי׳ס מארך; און דער פרוי׳ס מארך האט זיך לאנגזאם ענטוויקעלט דערפון וואס דער מאנספערזאן האט ביי איהר אבגענומען כמעט יעדע גייסטיגע טהעטיגקייט.

די וואס בעשעפטיגען זיך מיט פיה־צוכט, לייגען אסאך מיה צו פערפאלקאמענען וואס מעהר די מינים בהמות, און פאר זיי איז פון דערזעלבער וויכטיקייט צו האבען פיינע מינים נקבות אזוי ווי זכרים. פאר די ליעבהאבער פון העהנער־קאמפף האט פונקט אזא גרויסע בעדייטונג צוצוקלויבען היהנער אזוי ווי העהנער; זיי קלויבען אויס נאר די יעניגע היהנער וואס האבען אויף די פים שפארען און קריכען אין געשלעג.

וועגען דעם מענשליכען געשלעכט קען מען זאגען, אז זינט עס איז איבערגעגאנגן פון׳ם גאר פארצייטיגען קאמוניסטישער ארדנונג צו פריוואט איינענטום, האט עס זיך ענטוויקעלט בלויז דורך די אנשטרענגונגען פון איין געשלעכט און אז זיין נארמאלער ענטוויקלונג האט געשטערט די גייסטיגע הינטער־שטעליגקייט פון׳ם אנדערן געשלעכט. דער מאנספערזאן האט סיסטעמאטיש בערויבט די פרוי פון די מיטלען צו איהר מאטעריעלער און גייסטיגער ענטוויקלונג און דערמיט גופא האט ער בעשאפען פון איהר א רעאקציאנערע קראפט פאר דעם מענשליכען פראגרעס.

און ווירקליך ווען מען זאל שטודירען און פערגלייכען די פעריאדע פון׳ם ווילדען צושטאנד מיט דער שפעטערדיגער

פּעֶריאָדעֶ פון באַרבאַרעֶנטום (האַלב ווילדעֶן צושטאַנד), איז אונמעֶגליך ניט אַרויסצוזעהן ווי דעֶם מעֶנשעֶנס גייסט פּראָגרעֶסירט אימעֶר, דעֶן אין דעֶם דאָזיגעֶן צושטאַנד ווייַזעֶן אַרויס אי די פרויעֶן, אי די מעֶנעֶר זייעֶרעֶ גייסטיגעֶ פּעֶהיגקייטעֶן פרייַ און ווירקעֶן בּיידעֶ צוגלייַך אויף דעֶר עֶנטוויקלונג פון דעֶם מין.

אָט די עֶוואָלוציעֶ (נאָרמאַלעֶ, נאַטירליכעֶ עֶנטוויקלונג) ווערט פעֶרהאַלטעֶן פון יעֶנעֶר צייַט אָן, ווי די מעֶנשהייט טרעֶט אַרייַן אין דעֶר פּעֶריאָדעֶ פון ציווילי זאַציעֶ (בּירגעֶרליכעֶ, שטאָדטיגעֶ קולטור) און פון פּריוואַט אייגעֶנטום; דעֶן צוליעב דעֶר דריקעֶנעֶם און שטעֶרעֶנים אין איהר עֶנטוויקלונג, איז שוין די פרוי ניט אים שטאַנדעֶ מיטצווירקעֶן דעֶר דאָזיגעֶר עֶוואָלוציעֶ מיט אַזאַ עֶרפאָלג ווי פריהעֶר. די אַלטקייט-שוואַכעֶ אונבּעֶוועֶגליכקייט אין וועֶלכעֶר חינאַ שטעֶקט שוין 1000 יאָהר, עֶרקלעֶרט זיך נאָר דעֶרמיט וואָס די פרוי איז בּייַ זיי עֶנטאַרטעֶט; דאָרט איז מעֶן געֶקומעֶן זאָגאַר אַזוי ווייַט, אַז מעֶן האָט איהר פעֶרקריפּעֶלט די פיס, אום זי זאָל זייַן געֶצוואונגעֶן צו פיהרעֶן אַ פאָלקאָם איינגעֶשלאָסעֶנעֶם לעֶבּעֶן. אייראָפּאַ לייַדט אויך פון דעֶר פרוי'ס אונטעֶרוואָרפעֶנעֶר לאַגעֶ. דעֶן ניט קוקעֶנדיג אויף דעֶם אונגעֶהייעֶרן מאַטעֶריעֶלעֶן פּראָגרעֶס פון די לעֶצטעֶ צוויי טויזעֶנד יאָהר און אויף די איבּעֶרראַשעֶנד וואַקסעֶנדעֶ מאַסעֶ וויסעֶנשאַפטליכעֶ קעֶנטניסעֶ, קעֶן מעֶן פּאָרט ניט זאָגעֶן, אַז דעֶר מאַרק פון אַ הייַנטיגעֶן אייראָפּעֶעֶר איז גרעֶסעֶר און שטאַרקעֶר ווי דעֶר מאַרך פון אַ גריכעֶ פון דעֶר קלאַסישעֶר עֶפּאָכעֶ, דאָס הייסט אין דעֶם משך פון דעֶם זיבּעֶטעֶן בּיז דעֶם זעֶקסטעֶן יאָהרהונדעֶרט פאַר קריסטוס.

עֶס פעֶרשטעֶהט זיך, אַז וויקטאָר הוגאָ, צום בּייַשפּיעל, אָדעֶר זאָלאַ, אָדעֶר אַ וועֶלכעֶר עֶס איז דאָקטאָר האָבּעֶן אָנגעֶזאַמעֶלט אין זייעֶר מאַרך אַ מאַסעֶ אַלעֶרלייַ וויסעֶנשאַפטעֶן, וועֶלכעֶ עֶס האָבּעֶן ניט בּעֶזעֶסעֶן ניט עֶסכיל, ניט אַנאַקסאַגאָר, ניט פּראָטאַגאָר, ניט אַריסטאָטלעֶס *). נאָר דעֶרפון איז קיין ראיה ניט, אַז די איינבּילדונג און דעֶר גייסט פון אונזעֶרעֶ טאַלאַנטעֶן

*) גריכישע פילאָזאָפען.

און דענקער זענען רייכער, פיעל־זייטיגער און גרעסער, ווי ביי יענע אַלטע גריכישע דורות וואָס האָבען בעשאַפען די בעריהמטע ווען עס האָבען געבליהט מאַטעמאַטישע וויסענשאַפטען, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור און קונסט, — די יעניגע עפּאָכע וואָס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע בלעטער און דער היסטאָריע, און זיי האָבען בעזעסען אַזאַ הויכען, ווייטען, דינעם און טיפען פילאָזאָפישען געדאַנק מיט אַזוינע פּלפולים און דרעהדלעך, אַז די וועלט האָט שוין אַזוינס מעהר ניט געהאַט. די סאָפיסטען (גריכישע פילאָזאָפען־פּלפול'ניקעס), ווי צום ביישפיעל פּראָטאַגאָראַס, גאָרדיאַס, סאָקראַטעס, פּלאַטאָן און אַנדערע, האָבען געשטעלט, פונאַנדערגענומען און געלייגט טיעפע פילאָזאָפישע פּ אַ ע ן, כאָטש אין גאַנצען איז מעהר ניט געווען ווי עטליכע הונדערט יאָהר, אַז די גריכען פון גריכענלאַנד גופא און פון קליין אַזיען זענען אַרויס פון רעם באַרבאַרישען צושטאַנד.

מען קען ברענגען אַסך אורזאַכען אום צו ערקלערען די דאָזיגע אָבהאַלטונג פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, אָבער די הויפט אורזאַכע איז די פערשקלאַפונג פון דער פרוי.

## IV.

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן, וואָס פיהרט אוים דעם גרעסטען טייל פרויען אַרבייטען אין הויזליכער ווירטשאַפט, האָט צוגעצויגען צו דער אַרמעע פון די טאָג אַרבייטער אין דער פאַבריק, אין מאַגאַזין, אין קאַנטאָר און אין דער שולע — פרויען און מיידלעך פון דער אַרבייטער קלאַסע און פון דער קליין בורזשואַזיע, אום צו בעקומען ביליגע אַרבייטסקראַפט. דער קאַפּיטאַליזמוס נויטיגט זיך שטאַרק אין אינטעליגענטע קרעפטען און דריבער איז ער געצוואונגען צו פערגעסען דעם בעריהמטען כּלל פון דער מענער־מאָראַל, אַז „אַ פרוי דאַרף מעהר ניט קענען ווי לעזען, שרייבען און רעכענען“; דער קאַפּיטאַליזם האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל מיידלעך אויך, אַזוי ווי יונגלעך, לערנען די ערשטע יסודות פון וויסענשאַפטען.

דער ערשטער שריט איז געווען געמאַכט; מען האָט שוין ניט געקענט פערוועהרען די פרויען אַרײַנצוקומען אין אונווערזיטעט. זיי האָבען בעוויזען, אַז דער ווייבערשער מוח, וואָס „געבילדעטע לייט" האָבען איהם אָנגערופען „אַ קינדערשער מוח", איז פעהיג ניט ווייניגער פון'ם מאַנסבילשען צו וויסענשאַפטליכער בילדונג.

פריהער פון אַלץ האָט מען די פרויען ערלויבט צו שטודירען אַזוינע וויסענשאַפטען ווי מאַטעמאַטיק, געאָמעטריע, מעכאַניק און ז. וו. די דאָזיגע וויסענשאַפטען זענען געווען די ערשטע מעסטיל פון זייערע גייסטיגע פעהיגקייטען, דערנאָך האָבען די פרויען זיך אַ וואָרף געטהון אויף די עקספערימענטאַלע וויסענשאַפטען (אַזוינע וויסענשאַפטען וואָס פאָדערן עקספערימענטען, פראָבען מאַכען), ווי פיזיאָלאָגיע, פיזיק, כעמיע, פראַקטישע מעכאַניק און ז. וו. און יעצט זענען דאָ אין אַמעריקאַ און אייראָפּאַ מאַסען פרויען, וואָס געהען גלייך מיט די מענער, ניט קוקענדיג אויף די שלעכטע בעדינגונגען פון פיזישער און מאָראַלער ענטוויקלונג, אין וועלכע זיי לעבען פון קינדהייט אָן.

דער קאַפּיטאַליזם האָט אָבגעריסען די פרוי פון דער הויזליכער ווירטשאַפט און האָט איהר אַרײַנגעוואָרפען אין דעם שפּרודעל פון געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן, ניט פון איהר טובה וועגען, אום צו בעפרייען איהר, נאָר אום צו אונטערוואַרפען איהר נאָך אַ גרויזאַמערער עקספּלאָאַטאַציע ווי דעם מאַנספּערזאָן.

דערביי האָט מען געזאָרגט אַז עס זאָלען בלייבען ניט געריהרט אַלע עקאָנאָמישע, יורידישע (געזעצליכע), פּאָליטישע און מאָראַלע פערצאַמונגען וואָס האָבען איהר געמאַכט פאַר אַ שקלאַפין אין דעם מאַנ'ס הויז. די פרוי ווערט עקספּלאָאַטירט פון'ם קאַפּיטאַל און ליידט פון אָרעמקייט גלייך ווי יעדער אַנדער פרייער אַרבייטער, און אַ חוץ דעם טראָגט זי נאָך אויף זיך די קייטען פון דער פערגאַנגענהייט. איהר עקאָנאָמישע אָרעמקייט איז נאָך גרעסער געוואָרען, אַנשטאַט אויסגעהאַלטען צו ווערען פון'ם פאָטער, אָדער פון'ם מאַן, איז זי געצוואונגען אַליין צו

פירדינען איהרע לעבענס מיטעל; און איהר ארבייט ווערט שלימער בעצאהלט אונטער דעם אויסרייד, אז זי האט בעדארף וועניגער ווי דער מאנספערזאן, ווען עס ענדיגט זיך איהר טעגליכע ארבייט אין דער מאסטערסקאיא, אין קאנטאר, אדער אין דער שולע, הויבט זיך אן איהר האווען ארום די שטוביגע מלאכות. די מוטערשאפט, אט די הייליגע ארבייט, די העכסטע פון די געזעלשאפטליכע אויפגאבען, ווערט אין דער קאפיטא־ליסטישער געזעלשאפט די אורזאכע פון שרעקליכע עקאנאמישע און פיזישע ליידען. די אונערטרעגליכע לאגע פון דער פרוי ווערט א געפאהר פאר דער וויטערדיגער עקסיסטענץ פון דעם מענשליכען געשלעכט.

נאר אט די שווערע ביטערע לאגע טראגט מיט זיך אויך דעם סוף צו דער פרוי'ס שקלאפהייט, וואס הויבט זיך אן מיט דער ענטשטעהונג פון פריוואט אייגענטום און ווערט זיך ענדיגען ווען דאס פריוואט אייגענטום וועט ווערן פערניכטעט. אונטער דעם דרוק פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס אופן, ענטוויקעלט זיך די ציוויליזירטע געזעלשאפט אין דער ריכטונג וואס פיהרט צו אזא ארדנונג וואס איז געבויט אויף געזעלשאפט־ליכען אייגענטום. אין אט דער ארדנונג וועט די פרוי בעפרייט ווערען פון די עקאנאמישע רעכטליכע און מאראלישע קייטען וואס האלטען איהר פערשמידט, זי וועט קענען פריי ענטוויקלען איהרע פיזישע און גייסטיגע פעהיגקייטען, ווי דאס איז געווען אין די צייטען פון דעם גאר אמאליגען קאמוניזם אין די פאר־הוסטארישע צייטען.

אז די ווילדע האבען געוואלט מאכען א סוף צו דער בלוט־פערמישונג און שטעלען א צאם צו דער אונארדנונג אין די געשלעכטליכע פערהעלטניסע, האבען זיי ניט געפונען קיין אנדער מיטעל ווי אבטיילען בעזונדער די געשלעכטער. עס איז פערהאן א גרונד צו דענקען, אז די פרויען האבען די ערשטע געבראכט צו אט דער אבטיילונג, וועלכע האט פון דאמאלס אן

*) פאר־היסטארישע הייסען יענע צייטען, ווען מענשען זענען נאך ניט געווען פעהיג צו פערשרייבען די וויכטיגע פאסירונגען פון זייער לעבען און פלעגען זיי איבערגעבען במסורת אבות פון איין דור צום אנדערן.

איינגעפיהרט א צוטיילונג אין די ארבייטען פון דעם מאן און פרוי. אט די צוטיילונג זעהט מען ארוים אין די רעליגיעזע מנהגים, און אין דער שפראכע, וואס יעדעס געשלעכט ברויכט, און זאגאר אין די אפטע צוזאמענשטויסונגען.

די צוזאמענשטויסונגען האבען ביסלעכווייז אנגענומען א כאראקטער פון א ערבּיטערטען קאמפף צווישען זיך און האט זיך געענדיגט מיט דער רויהער פערשקלאפונג פון דער פרוי וואס דויערט ביז היינטיגען טאג.

די רייסענעס צווישען ביידע געשלעכטער ווערט שוואכער יעצט דורך דעם וואס דער קאמפף ווערט יעצט מעהר אן אלגע־מיינער און געהט איבער אויפ'ן עקאנאמישען באדען פון דעם מאן מיט דער פרוי אין זייער קאמפף געגען זייער אלגעמיינעם שונא, דעם קאפיטאליזם.

אבער איצטיגער קאמפף וועט זיך ניט ענדיגען מיט דעם זיעג פון איין געשלעכט איבער דעם אנדערן, דען ער איז בלויז איינע פון די געשטאלטען אין וועלכע עס וויזט ארוים דער קאמפף צווישען ארבייט און קאפיטאל. אט דער קאמפף וועט זיך אויסלאזען מיט א פאלקאמענער בעפרייאונג פון דער גאנצער ארבייטער־קלאסע צו וועלכער עס בעלאנגען די פרויען, אזוי ווי די מענער.

די טעכניק פון דער פראדוקציאן שטרעבט צו פערניכטען די ספעציאליזאציע פון דער פראפעסיאן און פון יעדער מלאכה און פערבייטען די מוסקעלן־קראפט דורך אויפמערקזאמקייט און געשיקטהייט; די טעכנישע ענטוויקלונג פעראייניגט אלץ מעהר און מעהר דעם מאנספערזאן און די פרויענצימער אין דער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן; דריבער וועט זי ניט דערלאזען אומקעהרען זיך יענע בעדינגונגען אויף וועלכע עס האט זיך געהאלטען ביי די ווילדע און בארבארען די צוטיילונג פון די געשלעכטער. דער עקאנאמישער קאמפף צווישען מאן און פרוי פון דער ציוויליזאציאנס־פעריאדע וועט פערשווינדען מיט דער ענטשטעהונג פון געזעלשאפטליכען אייגענטום.

בכן קענען מיר פארזאגען, אז דער פרוי'ס שקלאפעריי

און דער קאמפף צווישען די געשרעכטער וועלען נעהמען א סוף, און פאר דעם מענשליכען געשלעכט וועט קומען א צייט פון אונגעוועהנליכען פיזישען און גייסטיג, פראגרעס, וועלכער וועט ווערן געפיהרט אי פון די מענער, אי פון די פרויען, דען ביידע וועלין זיין הויך ענטוויקעלט אי פיזיש, אי גייסטיג; נאר מיר קענען ניט פאראויסזעהן וואסערע געשלעכטליכע פערהעלטניסע וועלען זיין צווישען מענער און פרויען וואס זענען פריי און האבען גלייכע רעכטע, וואס וייער נעהמען זיך און שיידען זיך וועט מעהר ניט זיין אבהענגיג פון שמוציגע מאטעריעלע אינטערעסען, אדער פון גראבע זיטען וואס קומען ארוים פון יעט די געלד־אינטערעסען.

נאר אויב מיר וועלען א קוק טהון אויף דער געגענווארט און וועלען זיך אבקעהרען צו דער פערגאנגענהייט, וועלען מיר פערשטעהן, אז די מענער ביי וועלכע דער נאטירליכער געפיהל פון פארטפלאנצען דעם מין איז שטארקער און דויערהאפטער, ווי ביי פרויען (דאס זעלבע איז צו מערקען אין דער גאנצער טהירען־וועלט) וועלען זיין געצוואונגען ארויסצווייזען אלע זייערע פיזישע און גייסטיגע אייגענשאפטען, אים צו בעזיגען די הערצער פון זייערע געליבטע. די געשלעכטליכע אבקליידונג, אדער, אייגפאכער גערעדט, דאס אויסלעבען פון די שטארקערע און בעסערע אין די געשלעכטער, וואס לויט דארווין האט בעוויזען האט דאס געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער ענטוויקלונג פון די פערשיעדענע מינים ביי די חיות, אבער ביי די אינדא־אייראפעאישע ראסען האט שוין דאס, מיט ווענינע אויסנאהמען, אויפגעהערט צו שפילען א ראלע, צייט 3000 יאהר, וועט דאס יעצט ווידער ווערן איינע פון די וויכטיגסטע פאקטארען פון דער מענשליכער פערפאלקאמענונג. די מוטערשאפט און די ליעבע וועלען ווידער ערלויבען דער פרוי ווידער בעקומען יענע הויכע לאגע, וואס זי האט פערנומען אין דער גאר אמאליגער געזעלשאפט, און ווענען וועלכער עס איז געבליבען א אנדענקען אין די לעגענדען און מיטען (געטער־מעשיות) פון די אלטע גלויבען'ס.

# אין בוכהאנדלונג

פון פערלאג „פראגרעס"

ווארשא, נאלעווקי 36 №

איז שטענדיג צו בעקומען דעם גרעסטען אויס-וואהל פון די בעסטע נוצליכסטע און נייעסטע יודישע ביכער וואס ערשיינען אין רוסלאנד און אויסלאנד.

ספעציעלע ביליגע פרייזען ווערט גערעכענט פיר ביבליאטעקען

קאַטאַלאָגען פריי

Книжный магазинъ Издательства „Прогрессъ"
Варшава, Налевки 36.

ראבערט אינגערסאל.

# נידער מיט די פארברעכער

פערלאג „פראגרעס", ווארשא נאלעווקי 36.

תרס"ו—1906

ДОЛОЙ ПРОСТУПНИКИ

Изданіе „Прогрессъ," Варшава, 1906 г.

Дозволено Цензурою.
Варшава, 19 Ноября 1905 г.

Тип. И. Эдельштейна и Комп., Налевки 38.

אמאָל האָט די גאַנצע וועלט פעסט געגלויבט, אַז דער זיכערסטער מיטעל אויסצובעסערען אַ פאַרברעכער און אָבצושרעקען אַנדערע פון צו בעגעהן דעם זעלבען פערברעכען, איז די קערפּערליכע בעשטראָפונג. תּפיסה, ענויים קשים און טוידט האָט מען בעטראַכט אַלס חוט המשולש, וועלכער זאָל מאַכען אונמעגליך די פערברעכער אָנטאָהן שאָדען דער געזעלשאַפט.

און דאָך, וואָס שרעקליכער און גרעסער די שטראָפען זענען געוואָרען, אַלץ מעהר פערברעכענס זענען בעגאַנגען געוואָרען.

מען האָט אויך באַלד אויסגעפונען, אַז דער טוידט־שטראָף האָט געמאַכט אַ גאַנץ קליינעם אונטערשיעד, גנבים, גזלנים, אויסגעלאַסענע און אַפּיקורסים זענען זיך געגאַנגען זייער פאַלשען וועג. דאַן האָט מען געפונען פאַר נויטיג מוסיף צו זיין צו די טוידט־שטראָפע מאָרגע אונמענשליכע יסורים: די פאַראורטיילטע זענען פאַרן טוידט געמאַרטערט און געפּייניגט געוואָרען אויף'ן שרעקליכסטען אופן, מען האָט זיי געבונדען און נאַכהער איז מען מיט אַ וואָגען איבער זיי אַריבער געפאָהרען — מען האָט פון זיי געריסען זייערע אברים שטיקער ווייס, מען האָט אויף זייער ברוסט אַרויפגעלייגט אַ גוואַלדיגע שווערע משא און ביי די הענט און פיס פון ביידע זייטען האָט מען זיי אויף שטיקער צוריסען. זייער לייב איז לעבעדיגערהייט געבערעגט און געריסען געוואָרען מיט פייער־גליהענדע אייזענס. — מען האָט זיי אַרויפגעלייגט אויף אַ האַלב ברענענדען פייער, אום זייערע יסורים זאָלען דויערען וואָס לענגער. זיי זענען באַגראָבען געוואָרען לעבעדיגערהייט, —

אַוועק געוואָרפען געוואָרען געבונדענע צווישען ווילדע חיות, געשמעלצטער צין איז אַריינגעגאָסען געוואָרען אין זייערע אויער־ען — מען האָט זיי אויסגעשניטען די אויגען־דעקלאך, און זיי אַוועקגעשטעלט מיט זייערע געזיכטער געגען דער זון, אַנדערע האָט מען געבונדען פעסט די הענט און פיס און אויף זייערע בייכער האָט מען אַרויפגעלייגט איבערגעקעהרטע בעקענס, אונטער וועלכע עס זענען געווען מייז, אויבען אויף די בעקענס האָט מען אָנגעלייגט ברענעדיגע קוילען, און ווען די מייז האָבען זיך געוואָלט פון דיזען גיהנם בעפרייען, האָבען זיי זיך אַריינ־געגראָבען אין די געדערים פון די אונגליקליכע — אַלעס האָט מען אָנגעווענדעט געגען דיזע אונגליקליכע, און דאָך האָט זיך די צאָהל פון די זאָגענאַנטע פערברעכער פארגרעסערט.

פאַר קלענערע פערברעכענס האָט מען דיזע מענשען אויף דער שוידערהאַפטסטער ווילדסטער אַרט מבייש געווען. זייערע אויערען פלעגען אויסגעשניטען ווערען, זייערע נאָזלעכער אויפ־געריסען און זייערע שטערענס אויסגעברענט מיט צייכענס אַזוי פלעגען צוגעבונדען ווערען צו אַ וואָגען און פלעגען אַזוי גע־שלעפט ווערען פון איין שטאָדט אין די אַנדערע.

און דאָך ניט אַכטענדיג אויף דעם, האָבען זיך דיזע אונ־גליקליכע אָרימע אָפפער ענטזאַגט צו ווערען גוטע און ניצליכע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

אַלער אַרט פיין, קוואַל, יסורים און מאַרטער, וואָס אונזער ציוויליזאַציאָן האָט נאָר געקענט אויסטראַכטען, זענען אויסגעשטאַנען געוואָרען פון מיליאָנען עלענדע און אונגליקליכע מענשען, און די ענדע איז, אַז די, וועלכע האָבען זיי אַליין געאורטהיילט, זענען געוואָרען אַזעלכע פערברעכער, ווי זייערע אָפפער.

עס איז ערסט אַ קורצע צייט ווי מען האָט אין ענגלאַנד צוויי הונדערט פערברעכער בעשטראָפט מיט'ן טוידט. דער „הענקער" איז געווען „בעשעפטיגט" מעהר פון אירגענד וועלכען אַנדערען רעגירונגס בעאַמטען, און וואָס איז דערפון געוואָרען?

די צאָהל פון פערברעכענס און פערברעכער זענען פון יענער צייט אָן פאַרדאָפּעלט געוואָרען.

פערברעכענס זענען בעגאַנגען געוואָרען, אום צו בעשטראָפען פערברעכער, די וועלט איז געוואָרען פול מיט אַסטראָגען, מיט קייטען און בייטשען, מיט שווערדען און מעסערס, מיט הענקערס און האַלזשניידערס — און דאָך האָבען דיזע אַלע שרעקליכע מיטעל און מאָרד־אינסטרומענטען זעהר ווענינ געהאָלפען, אום צוריק צוהאַלטען מענשען פון מאָרד און רויב. מען קען זאָגען מיט זיכערהייט, אַז די רעגירונגען האָבען פיעל מעהר פערברעכענס בעגאַנגען וויפיעל זיי האָבען פערהיט.

ווי קומט עס, דאָס מענשען ליידען און שטעלען זייער לעבען אין געפאַהר, אום צו גנב'ענען? ווי קומט עס, אַז מענשען זענען צופרידען מיט ערנידערונג, שאַנדע און שרעקליכע קערפערליכע ליידען אַלס זייער לעבענס־טהייל? איינינע וועלען ענטפערען דעם גאַנץ אַלטען תירוץ! „ווייל זיי זענען זינדיגע מענשען"; אַנדערע וועלען זאָגען, „אַז מיליאָנען מענער און פרויען ווערען פאַרפיהרט פון ניט גוטע"... — אַז זיי זענען אין גאַנצען אין רשות פון שׂטן. גאָר אַנדערע וועלען ערקלערען, אַז אַלע דיזע מענשען ווייסען גאַנץ גוט, אַז דעם מענשען זענען געגעבען געוואָרען צוויי וועגען, אַ גוטער און שלעכטער און זיי קלייבען זיך גאָר מוטווילינ אויס דעם שלעכטען, ווייל אַ זינדיגער לעבען, טראָץ אַלע געפאַהר, שמעקט זיי בעסער.

זענען מיר דען ניט פאָרגעשריטען גענוג אין בילדונג, אום נאָך צו גלויבען אין מזל? זענען מיר דען ניט איינפערשטאַנען, אַז עס איז דאָ אַ געוויסע אורזאַכע, דורך וועלכע די געהירען באַוועגען זיך אַזוי און ניט אַנדערש? ווערט עטוואָס בעשאַפען, קען דען עטוואָס בעשאַפען ווערען, וואָס מוז ניט בעשאַפען ווערען? עקזיסטירט דען עטוואָס אָהן אַן אורזאַכע? איז דען ניט פערהאַנען אַ צוזאַמענהאַנג צווישען אַלע ערשיינונגען און איז דען ניט אַ געוויסע טהאַט פאַרבונדען מיט אַנדערע טהאַטען? איז עס ניט מעגליך, איז עס ניט זיכער, איז עס ניט וואָהר, אַז די טהאַטען פון אַלע מענשען ווערען בעשטימט דורך אונ־

צעהליגע אורזאכען, איבער וועלכע זיי האבען אבסאלוט קיין קאנטראל ניט?

דאס שטעהט פעסט, אז מענשען ווילען געוויס בעסער זיין גליקליך, ווי אונגליקליך. עס איז אונמעגליך צו זאגען, אז א מענש בעאבזיכטיגט זיך אליין שלעכט צו טהאן און דאס ער טהוט אלעס, אום צו לעבען אין עלענד און נויט. דער ארעמסטער מענש וואלט געוואלט זיין רייך — די קראנקע ווילען זיין געזונד — און קיין קלאהרער מענש וויל ניט ארויפציהען אויף זיך דעם האס און פאראכטונג פון זיינע מיטמענשען. יעדעם מענשליכע וועזען וויל בעסער לעבען אין פ ר י ה י י ט, ווי אין געפאנגענשאפט.

זענען די געהירען פון פארברעכער גראדע דיזעלבע, ווי די געהירען פון אנדערע מענשען? האבען פארברעכער דיזעלבע אמביציאן, דיזעלבע בעגריפען פון גליק און פריידען ווי אנדערע מענשען? ווען אנ'אונטערשיעד עקזיסטירט יא אין די געהירען, מאכט דען ניט דיעזער אונטערשיעד אויך א גרויסען חילוק אין חאראקטער? קען מען ניט א געוויסע געוואהנהייט ירש'נען פון עלטערן? מיר ווייסען, אז קערפערליכע קראנקהייטען ווערען גע'ירש'ענט פון די עלטערן. ווארום זאלען מיר ניט גלויבען, אז אויך די קראנקהייטען, גראדע, ווי קערפערליכע, קענען איבערגעהן בירושה צו די קינדער?

יא, מיר זענען איבערצייגט, אז גייסטיגע קראנקהייטען געהען איבער צו די קינדער בירושה פון זייערע עלטערן. און אזוי ווי מיר זענען מודה, אז אין דער פהיזישער וועלט (עולם הגשמי) זענען פאראנען אורזאכען און ווירקונגען, אזוי זענען מיר אויך מודה, אז אין דער גייסטיגער וועלט (עולם הרוחני) קען ניט זיין קיין ווירקונג אהן אנ'אורזאכע און ווען עס קומט עטוואס פאר אין איינעמס גייסטיגען לעבען, גלויבען מיר, אז עס איז נאטירליך און נויטווענדיג. די אורזאכען באוועגען די געהירען אזוי און ניט אנדערש צו דענקען. זיי מעגען אפילו זיין אונקלאהר און אונדייטליך, דאך גלויבען מיר, אז זיי עקזיסטירען, גלייך, ווי מיר וואלטען זיי ווירקליך געזעהן. אין דער פהיזישער

וועלט געהן מיר אַרויס פון דעם שטאַנדפונקט, אַז קיין זאַך איז ניט קיין וואונדער — אַז אַלעס איז נאַטירליך; און ווען מיר קענען דאָס ניט ערקלערען, איז עס ניט, ווייל מיר זענען נאָך ניט ענטוויקעלט גענוג אום דיזעס צו ערקלערען. איז עס דען ניט מעגליך, איז עס דען ניט זיכער, אַז אַלעס דאָס, וואָס איז אֱמֶת אין דער פהיזישער וועלט, איז אויך אֱמֶת אין דער גייסטיגער וועלט, אין דיזער זאָנדערבאַרער וועלט פון ליידענשאַפטען און געפיהלען? איז עס דען ניט מעגליך, אַז געדאַנקען, ווינשע און ליידענשאַפטען זענען די קינדער פון מַזָל, געבוירען פון ניכטס? קענען מיר גלויבען, אַז עס קען זיין אַ „יֵשׁ מֵאַיִן" דאָס הייסט, אַז עטוואָס זאָל געבאָרען ווערען פון גאָרניט? אויב ניט, דאַן איז יעדער געדאַנק, יעדער וואונש און יעדע ליידענשאַפט אַ פאָלגע פון אַ געניגענדע אורזאַכע.

אַ געוויסער מענש אונטער געוויסע אומשטענדען האַנדעלט אין אַ געוויסען וועג. עס זענען דאָ געוויסע נִסְיוֹנוֹת, וועלכע ער מיט זיין געדאַנקען, מיט זיין ערפאַהרונג, מיט זיין בילדונג, מיט זיינע אומשטענדען, וועלכע רינגלען איהם אַרום, קען ניט ווידערשטעהן. געוויסע טהאַטען איז ער געצוואונגען צו טהאָן, און עס זענען פאַרהאַנדען אַנדערע טהאַטען, וועלכע ער קען ניט אויספיהרען. ווען מיר ווילען אומבייטען די אומשטענדען פון דעם מענשען, וועט זיין פיהרונג זיך אויך אומבייטען.

אין ציוויליזירטע לענדער איז דער קאַמפף פאַר דעם לעבען שווערער, די קאָנקורענץ שאַרפער און שרעקליכער ווי אין די ווילדע לענדער, דער רעזולטאַט פון דיזער קאָנקורענץ איז, אַז אין די ציוויליזירטע לענדער זענען דאָ זעהר פיעל אונגליקליכע, וואָס האָבען ניט די פעהיגקייטען פאַר זיך אַ לעבען צו מאַכען.

אַ געוויסע אויפפיהרונג אין לעבען ווערט געהאַלטען פאַר געזעצליך און יענע אונגליקליכע ווערען געטריעבען צו געהן אין די אונגליקליכע וועגען.

ווי אַזוי קענען מיר וויסען, אַז עס איז מעגליך אַלע מענשען זאָלען עהרליך זיין? זענען מיר זיכער, אַז אַלע מענשען קענען זאָגען די וואַהרהייט...? איז עס דען מעגליך, ביי די

יעצטיגע אומשטענדען, ביי דער יעצטיגער ארדנונג צו זיין עהרליך ? . . .

מיר זענען פאלשטענדיג איינפארשטאנדען, אז עס זענען דא מיליאנען מענשען, וועלכע זענען אונפעהיג צו באגעהן געוויסע פארברעכענעס און עס זענען דא מיליאנען מענשען, וועלכע זענען אונפעהיג גוטעס צו טהאן.

מיר באשולדיגען ניט קיין מענשען, ווייל ער איז ניט קיין מעכאניק, קיין דיכטער, קיין מאלער, אדער ווייל ער איז ניט קיין דיפלאמאט; ווייל מיר זאגען, אז ער איז דאצו ניט פעהיג. זענען דען מיר איבערצייגט, אז מען בעדארף ניט באזיצען קיין פעהיגקייט, אום צו זיין עהרליך און פיין? ווער איז דער מענש, וואס באזיצט אזויפיעל פעהיגקייט און בילדונג, אום יעדע טהאט געגוי צו בארעכענען און בעטראכטען, איידער ער טהוט זי? ווער בעטראכט, אז זיין גייסטיגע קראנקהייט איז איבערגעגאנגען צו איהם בירושה פון זיינע עלטערען? ווער בארעכענט די סודות פון מחשבות? ווער און וואס זענען די אורזאכען פון געזעצליכקייט און פארברעכען? אין וועלכער אבטהיילונג פון געהירען איז בעהאלטען די ליידענשאפט?

און וואס איז דאס פאר א מין קראפט, וועלכע אין איין מאמענט באוועגט דעם מענשען צו טהאן שלעכטס? ווער ווייס ווארום שכל און איבערלייגונג ווערען די געפאנגענע פון ליידענשאפט?

איז עס דען ניט מעגליך, אז די טיראניי און אונגערעכטיגקייט פון דעם זאגענאנטען געזעטץ, צווינגט דעם מענשען, יענעם גראדע אזוי צו בעהאנדלען ווי ער איז בעהאנדעלט געווארען? איז עס דען ניט אמת, אז יעדער בירגער איז גענייגט זיך צו נעהמען א ביישפיעל פון זיין נאציאן? די געזעלשאפט פארניכטעט איהרע פיינד — די איינצעלנע פערזאן פארניכטעט איהרע פיינד. די געזעלשאפט ברענגט איהרע פיינד אויפ'ן גאלגאן און עשאפאט און איין איינצעלנער מענש ערמארדעט זיינע פיינד אויף א פראסטען אופן.

איז עס ניט אמת, אז פארברעכער זענען א פראדוקט פון דער נאטור, און אז די געזעלשאפט, אונוויסענדיג, בעשאפט דיעזע קינדער פון פארברעכען? קענען מיר דען ניט געהן א שריט ווייטער און זאגען, אז א פארברעכער איז אן אפפער, גראדע אזוי ווי קראנקע, קאליעקעס און משוגענע? א קראנקען שיקען מיר ניט אין טורמע, מיר ווילען איהם ניט באשטראפען דער פאר, וואס די נאטור האט איהם קראנק געמאכט; מיר שיקען איהם אין שפיטאל, אום זיין קראנקהייט צו היילען. מיר באשטראפען ניט קיין קראנקע דארום, ווייל מיר זענען איבערצייגט, אז די קראנקהייט איז נאטירליך — אז דיעזע קראנקהייט איז איבערגעגאנגען צו איהם פון זיינע עלטערען, אדער זי איז די פאלגע פון אן אונגליקליכען לעבען. אדרבה, אנשטאט איהם צו בעשטראפען, האבען מיר נאך מיט איהם מיטלייד. ווען אלזא עס עקזיסטירט גייסטיגע קראנקהייטען, גראדע אזוי ווי עס עקזיסטירען קערפערליכע קראנקהייטען און ווען די גייסטיגע קראנקהייטען בעשאפען פארברעכען, ווארום זאלען מיר הארצלאז בעשטראפען פארברעכער און רחמנות האבען אויף די, וועלכע זענען קראנק קערפערליך?

סאקראט, איינער פון די קלוגסטע מענשען זאגט: „עס איז א וואונדער, ווארום מיר ווערען ניט אין כעס ווען מיר בעגעגענען א מענשען מיט א קערפערליכער קראנקהייט, און דאך ווערען מיר אויפגעבראכט, ווען מיר בעגעגנען א מענשען מיט א גייסטיגער קראנקהייט".

געווים האט די געזעלשאפט דאס רעכט זיך צו פארטהיידיגען. און עס מאכט קיין אונטערשיעד, אויב די מענשען, וועלכע אטאקירען זיי, זענען דאפיר פאראנטווארטליך אדער ניט, און עס מאכט אויך ניט אויס, אויב זיי זענען גייסטיג אדער קערפערליך קראנק. דאס רעכט פון זעלבסט פארטהיידיגונג עקזיסטירט פאר דעם רבים ווי פאר יעדען יחיד. די הויפט פראגע איז נאר די, ווי אזוי זאל דיעזעס רעכט אויסגעאיבט ווערען? ווי אזוי זאל מען בעשטרעבען פארברעכען צו בעזייטיגען, — צו זאל מען שטרעבען זיך נוקם צו זיין אן דעם

פארברעכער, שטרעבען איהם צו באשטראפען, ערנידעריגען און פארניכטען איהם, אדער זאל עס זיין אזא שטרעבונג, דורך וועלכע עס ווערט אנערקענט דער פאקט, אז פארברעכער זענען אפפער?

ווען א דאקטאר ווענדעט אן א מיטעל צו היילען א קראנקען און ער זעהט, אז דאס מיטעל העלפט ניט, אדער מאכט נאך דעם קראנקען פיעל קראנקער, וועט ער דען ניט אויפהערען צוגעבען דיזען מיטעל און אנווענדען א גאנץ נייעס?

די גאנצע וועלט האט שוין געפרופט צו בעזייטיגען פאר־ברעכען מיט מארטער, יסורים, עינוים קשים, טוידט, ערנידערונג־אוועק נעהמען די פארברעכערס פארמעגען — און וואס איז דען פון געווארען? די צאל פון פארברעכען און פארברעכער וואקסט, ווי אויף הייוען, און מען קען זאגען מיט בעשטימטהייט, אז ווען דיזע טאקטיק וועט ניט אומגעענדערט ווערען, וועלען מיר מיט דער צייט אללע זיין ארעסטאנטען.

פאלגענדע סטאטיסטיק, וועלכע איז געזאממעלט געווארען דורך רעגיערונגס־בעאמטע, פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, רעדט פאר זיך זעלבסט.

אין יאהר 1850 האבען מיר געהאט 3,000,000 מענשען... פון וועלכע צווישען 6 און 7 טויזענד זענען געוועזען אין פריזאן.

אין 1860 — 31 מילליאן מענשען און 19 טויזענד ארעס־טאנטען.

אין 1870 — 38 מיליאן מענשען און 32 טויזענד. ארעס־טאנטען.

אין 1880 — 50 מיליאן מענשען און 58 טויזענד ארעס־טאנטען.

עס איז וואונדערבאר צו בעמערקען די פערהעלטניסע צווישען משוגעים. הייםאסטלאזע און פארברעכער.

אין 1850 זענען געוועזען 15 טויזענד משוגעים; אין 1860 — 24 טויזענד, אין 1870 — 37 טויזענד, אין 1880 — 91 טויזענד.

פון דיזע סטאטיסטיקס קען מען לייכט זעהען, אז מיר

האבען ניט בעזייטיגט, אדער זאגאר ניט פארקלענערט פארברעכען.

אין יאהר 1880 — זענען געווען 58 טויזענד ארעסטאנטען און אין דעם זעלבען יאהר, זענען געווען 57 טויזענד היימאטסלאזע קינדער, און 66 טויזענד בראדיאגעם (ארום שלעפער).

וואס זאללען מיר אלזא טהאן? מוזען מיר דען ווידער דיזעלבע שעדליכע מיטעל אנווענדען געגען די פארברעכער און קומען ווידער א מאל צו דעם זעלבען טרויריגען רעזולטאט?

דאס וואלט געווען אזוי אונפראקטיש, אזוי ווי מיר וואלטען געראטהען א דאקטאר, אנשטאט דעם קראנקען צו היילען, ער זאל איהם ליעבער אבשניידען דעם קאפ, בכדי ער זאל האבען א גרינגען טוידט.

דורך בעשטראפונגען וועט איהר פארברעכער ניט אויסבעסערען. צו מאכען א פערברעכער פאר א קאליעקע הייסט צו ערקלערען פאר דער גאנצער וועלט, אז ער איז א פערברעכער און דאן ווערט זיין בעסערונג פשוט אן אונמעגליכקייט. דער מענש, וועמען די געזעלשאפט בעשטראפט, ווערט איהר אן אייביגער „דם שונא", די קערנער פון נקמה זענען פארזייעט אין זיין הארץ און ביז צום טאג פון זיין טויט וועט ער האסען די האנד, וועלכע האט פארזייעט אין זיין הארץ דיזע קערנער.

א חוץ דעם איז נייטיג צו בעטראכטען די זאך פון א גאנץ אנדער שטאנדפונקט. א שטראף, דורך וועלכע דער פארברעכער ווערט פארשעמט, פארשעמט אויך דעם, וועלכער איבט אויס די שטראף און פארשעמט אויך די רעגירונג, וועלכע באפעהלט זי. דער שמייסבאנקעל פערדאמט ניט נור דעם געשמיסענעם, נור אויך דעם שמייסער און די געזעלשאפט אין אלגעמיין. ווען אלזא מביש זיין א פערברעכער קען איהם ניט אויסבעסערען, ווייל דאדורך ווערט די געזעלשאפט פארשעמט און ערנידערט, איז א פראגע אויב יסורים בריינגען ניט פאר דעם זעלבען רעזולטאט.

דיזע שרעקליכע שטראף, וועלכע ווערט אויסגעאיבט אויף פארברעכער, פערדארבט ביז צום ביין די ריכטער, פאליציסטען

און זייערע שַמָשים, וועלכע האָבען זיך געמאַכט פאַר אַן אויפגאַבע צו צווינגען מענשען, צו פאָלגען דעם געזעץ, מעג עס זיין א גוטער אָדער א שלעכטער.

די, וועלכע מאַטערען און קוועלען א מענשען, אויף דעם גרונד פון זייער געוועהנליכער ענטשולדיגונג: „דיזער מענש איז אונעהרליך און פערדאָרבען", וועלען אויך מיט דער זעלבער ענטשולדיגונג מאַטערען א מענשען, ווען ער איז עהרליך, נִיט פערדאָרבען און אונשולדיג".

ווי עס שיינט, האָט די מענשהייט נאָך ניט אויסגעוואָרצעלט פון זיך די ווילדע טהירישע בלוט-דורשטיגקייט. אַדרַבָּה, א וואָלף וועט ניט פרעסען דעם אנדערען וואָלף, א שלאַנג וועט ניט בייסען אַן אַנדער שלאַנג, ניט אַזוי זענען די מענשען! איינער בייסט און איז מַזיק זיין מיטמענשען. זאָגענאַנטע מענשען בעצאָהלען נאָך אָפט מאָל אין א צירק, אום צו זעהען, ווי איין מענטש שלאָגט זיך מיט דעם צווייטען אויף קאַטאָוועס, ביז איינער פון זיי פאַלט מאַכטלאָז צום באָדען און באָדט זיך אין א טייך פון זיין אייגען בלוט. מענשען פאָהרען מֵאַרבַּע פִּינות העולם, אום צו זעהען, ווי זייער מיט-מענש ווערט אַריינגעזעצט אין אַן עלעקטע-רישען שטוהל און ווערט לאַנגזאַם געבראָטען, ביז דער לעצטער פונק פון זיין לעבען ווערט פאַרלאָשען אויף דעם אַכזר'ישען מִזְבֵּחַ פון אונזער ווילדער קאַניבּאַלישער ציוויליזאַציאָן.

ווען א רעגירונג מאַטערט א פאַרברעכער איז זי אונטער דעמזעלבען פאַרדערבליכען איינפלוס פון א שלעכטען געדאַנק ווי דער פאַרברעכער, וועהרענד ער איז בעגאַנגען דעם פאַרברעכען. מען בעדאַרף האָבען די זעלבע רְצִיחָה צו ערמאָרדען א מערדער, ווי דער מערדער אַליין, ווען ער האָט אומגעבראַכט זיין מיטמענ-שען. דער אונטערשיעד איז נאָר דער, איינער ווערט בעגאַנגען פון איין איינצעלנע פערזאָן, דער אַנדערער פון א רעגירונג. אין טיראַניי, אַכזָריות און אונגערעכטיגקייט איז דאָ עטוואָס, וואָס שטרעבט צו פאַרניכטען זיך אַליין.

נאָך קיין מאָל זענען ניט געווען אַזוי פיעל פאַררעטער אין ענגלאַנד, ווי אין דער צייט, ווען דיזער סאָרט פאַרברעכער

פלעגט אויף דעם באפעהל פון געריכט צוריסען ווערט אויף 4 שטיקער אין די געגענוואַרט פון טויזענדער מענשען. דיזע שרעקליכע מענשענפרעסערישע שטראף, האט בעשאפען אן איביגען כעס און שנאה צו דער רעגירונג און די צאהל פון די פאררעטער איז אלע מאל מעהר און מעהר געווארען, ביז זיי זענען געווארען שטארק גענוג אליין צו פארשטעהן, דאס זיי זענען מעכטיג גענוג, אום אויסצואיבען די זעלבע יסורים און מאטערניש אויף די, וועלכע האבען פריהער זיי געמוטשעט.

דענקט נור נאך א ביסעל, וואס דער מענש האט געהאט אויסצושטעהן אין דעם נאמען פון פארברעכען; דענקט פון די מיליאנען, וואס זענען געוועזען פערשפארט אין די טיורמעס, וואס זענען רואינירט געווארען דערפאר, וואס זיי זענען געוועזען זאגענאנטע פארברעכער; דענקט, וואס זיי האבען דאס געמוזט אויסליידען, וואס פאר א שווערע פראפעסיאן זיי האבען, זיך דאס אויסגעקליבען — דענקט דאס אלעס נאך, און איהר וועט מוזען קומען צום שלום, דאס איהר האט דא ניט צו טאהן מיט קלוגע, פערנינפטיגע מענשען, נאר מיט מענשען, וועלכע זענען געוועזען איינפאך קראנק.

ערשט נאך גאר ניט לאנג, האט מען מיר געשטעלט א פראגע, אוב עס זענען געשעהן אזוי פיעל העלדען־טהאטען פאר גוטעס, ווי פאר שלעכטעס? האט די טוגענד געהאט אזוי פיעל מארטירער, וויפיעל די זינד? פאר הונדערטער יאהרען האט די וועלט געשטרעבט צו פארניכטען דאס גוטע און עדעלע דורך געוואלט. אן עהרליכער, פרייער געדאנק איז געוועהן בעטראכט פאר א פארברעכען, די טיורמעס זענען געוועזען אנגעפיהלט פון די עדעלסטע און בעסטע, די בלוט פון די בראווסטע איז פארגאסען געווארען פון שווערד אדער פאר שרפה'ט פון פייער. און אזוי גוט, ווי דיזע אלע מאטערנישען האבען ניט געקענט פארניכטען טוגענד פון דער וועלט, אזו ווייניג קענען זיי אווירקונג האבען אויף די אבשאפונג פון פארברעכענס.

אויב אין אמעריקא זענען געוועזען געוויסע מענשען נאך צוריק מיט יאהרען, וואס האבען געוואלט, אז פארברעכער זאלען ניט געפלאגט

און נעפייניגט ווערען; אין דער קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען איז דא א פונקט: „ווילדע און אונגעוועהנליכע בעשטראפונגען זאלען ניט אויסגעאיבט ווערען אויף פארברעכער".

דער פרעזידענט בנימין פראנקלין, האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט דער בעהאנדלונג פון ארעסטאנטען, ווייל ער האט געגלויבט, אז נאר מיט מילדע און גערעכטע בעהאנדלונג קען מען פארברעכער אויסבעסערען.

עס איז אונבעגרייפליך, ווי אזוי א מענש, וועלכער ווייס עטוואס פון דער שוואכקייט פון דער מענשליכער נאטור, וואס איז אין זיין לעבען איבערגעגאנגען דורך אזוי פיעל ניסיונות שלעכטעס צו טאהן; דער מענש, וואס ווייס, וויפיעל צרות ער איז אויסגעשטאנען אין זיין לעבען; דער מענש, וואס ווייס וויפיעל עבירות ער וואלט געטאהן, ווען ער וואלט זיין זיכער, אז קיינער וועט דערפון ניט וויסען — ווי דיעזער מענש זאל זיין אזוי חוצפה'דיג צו בעשטראפען דעם, וואס האט געטאהן דאס זעלבע, וואס ער האט אדער וואלט געטאהן אונטער אנדערע אומשטענדען!

איז עס מעגליך, אז מענשען פערדאמען פארברעכער מיט דער אבזיכט זיך זעלבסט צו פערטהיידיגען?

ווילען זיי דערמיט איבערצייגען זייערע בעקאנטע, אז זיי האבען ניעמאלס אזא פערברעכען בעגאנגען און ווען אויך ניעמאלס אזא פארברעכען באגעהן?

זענען זייערע קללות און שימפפעריי אויף די פארברעכער א דעק־טוך, וועלכע זיי בענוצען, אום צו בעשיצען זיך פון חשד?

מיר, פון אונזער זייט, סימפאטהיזירען פאלשטענדיג מיט אלע די מענשען, וועלכע באגעהען פעהלערען, מיט אלע אפפער דער געזעלשאפט, מיט אלע די, וועלכע זענען געפאלען ביי זיך, מיט די, וועלכע זענען פארקערקערט, מיט די, וואס זענען האפנונגסלאז, מיט אלע די, וואס זענען געזיגעלט מיט דעם אורטהייל: „שולדיג" און מיט אלע די, וואס האבען אין א מאמענט פון ליידענשאפט רואינירט זייער געגענווערטיגען און צוקונפטיגען לעבען.

ווי געפעהרליך, נאך אלעמען, איז דער צושטאנד פון מענשען. ער נעהמט א גאנצען לעבען, אום צו פערשאפען זיך א שיינעם נאהמען, עס געניגט אבער נור, אז איין מאמענט פון ליידענשאפט זאל אומשטירצען, רואינירען דאס אלעס, וואס איז מיט אזוי פיעל שווירינקייט אויפגעבויט געווארען. ווי שלעכט זענען די מענשען!

קען אירגענד וואס געטאהן ווערען, אום אויסצובעסערען פארברעכער?

יא! זיי זאלען מילד בעהאנדעלט ווערען. יעדעס רעכט זאל זיי געשטאטעט ווערען, אום זיי זאלען ניט געצוואונגען זיין מיט געוואלד צו ערצווינגען זייערע רעכטע. זיי זאלען ניט פארשעמט און בערויבט ווערען, דער שטאאט זאל צייגען דעם העכסטען ביישפיעל פון ערעלקייט און גרויס־הערציגקייט. דער שטארקער דארף קיין מאל גרויזאם ניט זיין און אין די הערצער פון די בעסערע זאל ניט זיין קיין פלאץ פאר דעם געפיהל פון ראכע.

א מענש, ווען עס פעהלט איהם דאס, וואס ער דארף, גנב'עט ועמענס אייגענטהום און ער ווערט אוועקגעשיקט אין געפענגניס — ערשטענס כדי אנדערע אבצושרעקען און צווייטענס אום טאקי איהם אליין אויסצובעסערען.

זעלטען ווערען אונטערזוכט די אומשטענדען פון דעם פארברעכען. ווען איינער אדער 2 זאגען עדות, אז א מענש איז א גנב, געניגט שוין דעם מענשען צו פאראורטהיילען. קיין אונטערשיעד ווערט ניט געמאכט, אויסער צווישען א פרישען פארברעכער און א „געוועזענעם, (א רייכען און אן ארעמען) וועלכער האט איבערהויפט ניט די געלעגענהייט א ווארט צו ריידען, קיין פראצעס ווערט פאר איהם געפיהרט, אלעס, וואס דער געריכט פרעגט, איז: „ביסטו שוין א מאהל פעראורטהיילט געווארען פאר א פארברעכען"?

און ווען דער אונגליקליכער ענטפערט: „יא", דאן איז אלעס פיקס און פערטיג און דער פארברעכער קריעגט די גרעסטע פארציאן.

אלע וועלען צוגעבען, אז די ארבייטער האבען דאס רעכט זייערע אינטערעסען צו באשיצען, ווייל ארבייט איז דער פונדאמענט פון גליק און ווייל אהן דער ארבייט קען די וועלט ניט עקזיסטירען. ווער עס בערויבט די ארבייטער, איז א ביטערער פיינד דער גאנצער וועלט, ווייל ער שטערט דער וועלט'ס גליק, וועלכעס הייננט אב פון די ארבייטער. האט יעמאנד נאך פרובירט דיזע רויבער צו בעשטראפען? גיט מען די ארבייטער דאס רעכט און געלעגענהייט זיך געגען זייערע רויבער צו באשיצען.

אזוי שנעל, ווי א מענש ווערט אוועקגעשיקט אין גיפענגעניס, מהוט מען איהם אן די ארעסטאנטסקע קליידער, ער ווערט פארשעמט אויף'ן שרעקליכסטען אופן — ער פארלירט זיין נאמען און קריעגט אנשטאט דעם א נומער. ער ווערט שוין ניט מעהר בעהאנדעלט ווי א מענשליכעס וועזען און ווערט אן אומזיסטיגער שקלאף פון די רעגירונג. קיין זאך ווערט געטאהן פאר זיין אויסבעסערונג, ער ווערט שטענדיג געטריבען אהן רחמנות ווי א לאסט-טהיער.

זיין ארבייט ווערט פון איהם אוועקגערויבט; ער ווערט פארדונגען פון דער רעגירונג צו א קאנטראקטאר, וועלכער פרעסט ארויס פון זיינע הענד, פון זיינע מיסקולען, פון זיין געהירען, מעהר ארבייט וויעפיעל דיזער אונגליקליכער קרבן איז נאטירליך פעהיג ארויסצוברייננגען. ער טאר ניט ריידען מיט אן אנדער ארעסטאנט; ביי נאכט מוז ער זיין אליין אין זיין צעלע, וועלכע איז פינסטער, נאס און פארפעסטעט, ווי די העלע. זיין שטרעבען צו זיין אין געזעלשאפט פון מיט-מענשען ווערט פארניכטעט. ער איז א פערברעכער. ער איז ניט ווערט, אז אפילו די וועכטער פון געפיינגעניס זאלען מיט איהם 2 ווערטער ריידען.

דער אויפזועהער איז זיין אויבער-האר און דער מאן, וועלכער פארשליסט איהם אויף ביי-נאכט אין זיין צעלע, בעטראכט זיך אין פערגלייך צו איהם, אלס א מוסטער פון עהרליכקייט און פיינקייט. דער פערברעכער איז א שטיק פלאסטער-שטיין, אויף

וועלכע די, וואס היטען איהם, קענען טרעטען, ווען זיי האבען נור לוסט.

אין אזא צושטאנד פארבלייבט ער די גאנצע צייט אין גע־פענגניס; און ווען די גליקליכע מינוט קומט, ווען דער וועכטער שליסט אויף די אייזערנע טהירען, און זאגט איהם, „דו קענסט געהן וואוהין דו ווילסט", ערסט דאן פיהלט ער: ווי אונגליקליך ער איז. ער קומט ארויס געסטעמפעלט מיט דעם נאמען „גע־וועזענער" פארברעכער, וואס ווערט פון איהם? קען ער קריגען ארבייט? ניט, ווען ער וועט עהרליך ערקלערען ווער ער איז און פון וואנען ער קומט.

דאס ערשטע, וואס ער טהוט, איז אבצולייקענען זיין נאמען. ער לייגט א פונדאמענט פאר זיין קינפטיגען לעבען דורך ליגענס און פאלשקייט.

קיין מענש וועט ניט בעשעפטיגען אן געוועזענעם ארים־טאנט, ווייל קיין מענש גלויבט ניט אז דער ארעסטאנט, וועלכער קומט ארויס פון טורמע איז ווייניגער שלעכט און פער־דארבען פון דעם, וואס האט איהם געשיקט אין טורמע.

מען ווייס אז אין טורמע איז דאס הארץ פון דיעזען מענ־שען פערשטיינערט געווארען — אז ער איז געווען אונטערווארפען צו קוואל און מארטער — אז ער איז בעהאנדעלט געווארען ווי א ווילדע חיה; און דארום ווייס מען אז דיעזער געוועזענער פארברעכער, האט אין זיין הארץ פארבארגען א רציחה און כעס געגען דער געזעלשאפט, אז ער פיהלט, דאס ער איז ערנידערט און בערויבט געווארען.

אונטער דיעזע אומשטענדען, וואס פאר א וועג איז אפען פאר דיעזען געוועזענעם פארברעכער? ווען ער וועט בייטען זיין נאמען, וועט זיך געפינען א שפיאן, א געזעלציבער בעאמטער, אדער אזוי א לומפ. וועלכער וועט ענטפלעקען זיין סוד. מען וועט איהם אוועקשיקען פון פלאטץ און ער וועט געצוואונגען זיין ווידער צו זוכען בעשעפטיגונג ווידער אויף א פאלשען נאמען און ווידער מיט ליגענס. מען דערוואוסט זיך ווידער, ווער ער איז, מען שיקט איהם ווידער אוועק, ער ווערט נאך א מאל

ברויט־לאַז, ביז ער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז אויף אַן ערליכען וועג איז איהם אונמעגליך זיין לעבענס־מיטעל צו פאַרדינען. נאַטירליכער ווייזע, ווערט ער אַריינגעשלעפט אין די געזעלשאַפט פון די, וועלכע האָבען דורכגעמאַכט דיזעלבע ביטערע ערפאַהרונג; און דער רעזולטאַט איז, אַז אין אַ קורצע צייט אַרום שטעהט ער ווידער געשמידט אין קייטען פאַר'ן געריכט און בעשולדיגט מיט דעם בעגיין פון אַ פרישען פערברעכען. מען שיקט איהם נאָך אַ מאָהל אין געפיינגעניס און דאַן איז ער פערלאָרען אויף אייביג. ער פיהלט אַז זיין וועלט איז פאַרביי און אַז זיין צוקונפט וועט איהם ברייננגען ניט מעהר ווי שאַנדע און שמערץ.

די מענשען אין געפענגניס אַרבייטען ניט פאַר זיך אַליין. זייער אַרבייט בעלאַנגט צו אַנדערע. זיי האָבען קיין טהייל אין דער אַרבייט — קיין אורזאַכע צו טאָהן זייער בעסטעם, די אַרבייט גוט צו מאַכען און דער רעזולטאַט איז, אַז דער פראָדוקט פון זייער אַרבייט איז שלעכט און פערדאָרבען. דיזע פראָדוקטען קומען אין קאָנקורענץ מיט דער אַרבייט פון פאַך־מענער, ערליכע אַרבייטער, וועלכע האָבען פאַמיליעס צו ערנעהרען, און פון וועלכע מען הערט דעם אייביגען געשריי, אַז דורך געפיינגעניס־אַרבייט ווערט דאָס טרוקענע שטיקעל ברויט פון זייערע מיילער אַרויסגעריסען. *)

פאַר וואָס זאָל די רעגירונג רויבען די פרוכט פון דער אַרבייט פון דיזע אונגליקליכע מענשען? פאַר וואָס זאָלען דיזע מענשען איבערגעגעבען ווערען צום ווילען פון בלינדען צופאַל, אָהן אַ גראָשען געלד און אָהן מיטעל צום לעבען, נאָך דעם, ווען זיי האָבען פאַרבראַכט זייערע יאָהרען אין פינסטערען קערקער? וואָלט ניט געווען בעסער, ווען מען זאָל דיזע מענשען ניט בערויבען? וואָלט דען ניט געווען נויטווענדיג, ווען מען זאָל דיזע אונגליקליכע מענשען בעזאָרגען מיט געוויסע מיטעל צום לעבען, דאַמיט זיי זאָלען ניט זיין געצוואונגען צו בעגעהן פאַרברעכען איידער זיי צו פייניגען, פאַרשעמען פאַרקערקערען און נאָכדעם

*) די ווערטער זענען געציעלט מעהר אויף אַמעריקע.

זיי אַרויסלאָזען אויף דער וועלט אָהן אַ מעגליכקייט אויף אַן אַנשטענדיגע און ערליכע ווייזע אַ לעבען צו מאַכען?

צום ביישפיל, ווען מען זאָל געבען אַ שלעפער, וועלכער איז געפונען געוואָרען אין גאַס, אין אַ שכורען צושטאַנד, אָנשטאָט 5 מאָנאַט געפענגניס, 5 הונדערט רובעל, וואָלט ער דען איינגעשטעלט זיין לעבען נאָכהער אום צו גנב'ענען אַ ברויט?

ווען אַזוי זאָלען מענשען בעהאַנדעלט ווערען — ווען די אורזאַכען, וואָס ברייגען אַ מענשען דאַצו, ער זאָל בעגעהן אַ פערברעכען, וואָלטען אָבגעשאַפט ווערען, וואָלטען קיין פערברעכער ניט געווען. אַזעלכע געזעצע — מענשליכע געזעצע — וואָלטען גליקליך געמאַכט יעדען מענשען, יעדע נאַציאָן און שליסליך — די גאַנצע וועלט.

מען זאָגט אונז: „עס זענען אָבער דאָ מענשען, וועלכע האָבען זיך אויסערוועהלט פאַרברעכען אַלס אַ פראָפעסיאָן — מענשען וועלכע זענען פיעל מאָל פאַראורטהיילט געוואָרען און דאָך זענען זיי געניייגט צו פאַרליערען זייער פרייהייט צו ליעב פאַרברעכען, און אַוועק צורויבען די רעכטע פון אַנדערע — וואָס איז צו טהאָן מיט אַזעלכע ברואים?

טויזענד אַזעלכע פאַרדאָרבענע מענשען זאָלען זיך בעזעצען אויף אַ געוויסען פלאַץ, וואו זיי וועלען דורך נאַטירליכע געזעצע זיין געצוואונגען צו שאַפען, אום צו געניסען און עס איז מעהר, ווי זיכער, אַז דיזע מענשען וועלען פערוואַנדעלט ווערען אין מלאָכים — זיי וועלען לעבען בשלום ושלוה און אַ געפיהל פון מענשליכע פערברידערונג וועט הערשען אונטער זיי.

וואָס זאָל געשעהן מיט מערדער — מענשען, וועלכע רויבען דאָס לעבען פון זייערע מיטמענשען?

זאָל די געזעלשאַפט זיך נוקם זיין אָן זיי און זייער לעבען אַוועקנעהמען?

מיט אַ פאָר יאָהר צוריק איז אַ מענש אויפגעהאָנגען געוואָרען אין שטעדטעל אַלעקסאַנדראַ, אין דער שטאַאַט ווערדזשיניאַ. איינער פון די צושויער האָט אַביסעל שפעטער ערמאָרדעט אַ פעדלער אין אַ וואַלד לעבען וואַשינגטאָן.

זיין אורטייל האָט שטאַטגעפונדען און ער איז אויפגעהאָנגען געוואָרען. אַ דריטער ווידער, וועלכער האָט צוגעזעהען ווי ער איז אויפגעהאָנגען געוואָרען, איז אַוועק צו זיך אַהיים און האָט אויף דער ברוטאַלסטער אַרט און ווייזע ערמאָרדעט זיין פרוי. וואָס בעווייזט דאָס?

די העכסטע שטראָף, זאָגט מען אונז ווערט אויסגעאיבט צו ליעב דעם צוועק, אום אָבצושרעקען פון פאַרברעכענס. וואַרום האָט מען דאָס ניט געזעהען אין אונזערע איבען־אָנגעפיהרטע פאַקטען?

ווען אַ מענש ווערט פראָצעסירט פאַר מאָרד און ער שוועבט צווישען לעבען און טויט, איז זעהר לייכט פאַר איהם צו געפינען אַ פערטהיידיגונג, אַז ניט ער, נור די געזעלשאַפטס־סיסטעמע איז פעראַנטוואָרטליך פיר זיין פערברעכען.

יעדע טויט־שטראָף, וועלכע ווערט אויסגעפיהרט פון שטאַאַט, פערשטיינערט די הערצער פון די מענשען און פער־ניכטעט דאָס הייליגטהום פון לעבען.

אין פיעלע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ, איז לינטשען*) דער העכסטער אידעאַל פון פאָלק. פאַר דעם קלענסטען זאָגענאַנטען פאַרברעכען קען מען ערוואַרטען, דער בעשולדיגטער זאָל געלינטשט ווערען.

מען וואָלט געקענט גלויבען, אַז מענשען האָבען מורא צו בעגעהן אַ פערברעכען צווישען אַזעלכע מענשען, וועלכע לינטשען פיר דעם קלענסטען פערברעכען און דאָך, אַזוי זענען די ווידער־שפריכע פון די בעגריפע פון מענשען, דאָס עס קומט אויס פונקט דער היפוך. און די הויפט זאַכע איז, אַז די מענשען, וועלכע איבען אויס דאָס לינטשען, זענען אימער די פערדאָרבענ־סטע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט.

מיט אַ פאָר יאָהר צוריק איז אין דער שטאָט אילינאָיס אַ מאַן אַנטלאָפען פון געפענגניס און ווען דער שעריף האָט איהם

---

*) לינטשען הייסט: דאָס פאָלק אַליין הרג׳ט דעם פאַרברעכער אויף וועלכע ניט איז ווייזע. מען דערשלאָגט איהם צום טויט, מען פערוואַרפט איהם מיט שטיינער אָדער מען הענגט איהם אויף. אויבוואוהל די פאָליציע איז ניט איינשטימיג צו דעם.

געוואלט צוריק האלטען האט ער איהם געשאסען. מען האט איהם געזוכט אין אלע ווינקעלעך, ביז מען האט איהם געכאפט און געלינטשעט.

דער מאן, וועלכער האט איהם ארומגעבונדען דעם שטריק ארום האלדז, אום איהם אויפצוהענגען, איז צו יענע צייט בעפרייט געווארען אויף ערבות, זייענדיג פארקלאגט פארן אנפאלען אויף א מענשען מיט דער אבזיכט איהם צו ערמארדען, און ווען דיזער קרבן איז שוין געהאנגען טויט, איז נאך איינער ארויפגעשפרונגען אויפען בוים און האט אריינגעשטעקט א ברענענדען סיגאר אין דעם טויטענס מויל. און דער לעצטער העלד איז אויך געווען בעפרייט אויף ערבות נאך דעם, אלס די גרויס-געריכט האט איהם געפונען פאר שולדיגט פאר א גרויסער גנבה.

דיזע, וואס זענען אימער בערייט צו פערניכטען און אויפצוהענגען מענשען דערפאר, וויל זיי האבען בעגאנגען פערברעכען, זענען אין מייסטע פיעלע פערדארבענע מענשען און פערברעכער.

אזוי לאנג ווי נאציאנען וועלען מאכען בלוטיגע סצענעס אויף'ן שלאכטפעלד, אזוי לאנג ווי די תליות און גילאטינע וועלען אונטערשיידען צווישען רעכט און אונרעכט... אזוי לאנג וועלען מענשען בעגעהן פערברעכען און די קנאה און שנאה צווישען איין מענשען און אנדערען וועלען נור קענען געשטילט ווערען דורך דעם שפיז און רעוואלווער.

ווען מיר וועלען אומבייטען דעם מענשענס חאראקטער. זיין באנעהמען א. ז. וו.., מוזען מיר אומבייטען זיינע פארהעלטניסע. נויט און ארמוטה געהען האנט אין האנט מיט פארברעכען, דער הונגער מאכט טויט די שעהנע עדעלע געפיהלען און טהוט פיעלעס, אום זאט צו ווערען.

דער גייסט איז די אבשטראהלונג פון דעם קערפער. ווען דער קערפער איז באדעקט מיט שמאטעס, איז דעם מענשענס גייסט אין דעמזעלבען צושטאנד. זעלבסט-אכטונג ווערט פערשוואונדען — דער מענש פאלט ביי זיך אראפ... ער בלייבט אהן מוטה, אהן האפנונג. זיין הארץ ווערט איהם פארביטערט. ער האסט די

וואָס האָבען צופיעל פּעראַכטעט די זאַטע און האָט זיך אַליין אויך ניט ליעב.

אַזוי לאַנג ווי קינדער וועלען ערצויגען ווערען אין פערשטיקטע פינסטערע וואָהנונגען און אין אַנדערע פּעסט־לעכער, וועלען די טורמעס אימער זיין פול. דער אָבגרונד צווישען רייכע און אָרימע וועט אַלץ ווערען טיפער און ברייטער. איינינגע וועלען געברויכען פּאַרשידענע שמד׳שטיק און אַנדערע וועלען זיין געצוואונגען צו געוואַלד, אום זיך צו פערטהיידיגען.

עס איז אַ זעהר וויכטיגע פראַגע, אויב די, וועלכע פאַרברענגען זייער גאַנצען לעבען אין צרות, יאָמער און נויט, קענען ערלויבען אַנדערע צו לעבען אין לוקסוס און זיך באָדען אין איבערפלוס פון פערגעניגענס. דער רייכטהום פון אַ לאַנד מיינט ניט דעם גליק פון איינינגע, זאָנדערן די פּאָלשטענדיגע צופרידענהייט פון דעם גאַנצען פאָלק, די אונבעגרענעצטע פרייהייט און גליק פון דער גאַנצער מענשהייט.

די אָרמוטה פון די מערצאָהל איז אַן איינביג־דויערענדע שרעק פאַר די עקזיסטענץ פון דער יעצטיגער געזעלשאַפט...

ווען מיר האָפען אַמאָל צו לעבען גליקליך, קען עס אַנדערש ניט קומען, סיידען אַלע מענשען וועלען האָבען וואָהנונג און לעבענס־מיטעל גראַדע אַזוי פיעל, וויפיעל זיי געברויכען.

עס איז איבערהויפּט ניט קלוג דורכצומאַכען די אַלטע פעהלערען, וועלכע מיר האָבען אַ מאָהל געמאַכט. דאָס פאַרטהיילען דאָס לאַנד צווישען די ערפּאָלגרייכע גענעראַלען, צו די ליעבלינגע פון דער קרוין אָדער אַוועקצושענקען פאַרמעגענס צו מענשען, וועלכע האָבען דיענסטע געלייסטעט אין דער מלחמה, איז גראַדע דער זעלבער פאַרברעכען, ווי צו ערלויבען רייכע מאָנאָפּאָליסטען אַוועקצוקויפען און באַזיצען גאַנצע שטעדט, וועלדער און פעלדער. דער רעזולטאַט איז דאָך איין און דער זעלבער; אַ נאַציאָן וועלכע באַשטעהט פון פיעלע אָרימע לייט און איינינגעווירטס־לייט. די ווירטס־לייט וועלען געברויכען די רעגיערונגס אָרמעע אַלס אַ צוואַנגס־מיטעל אַרויס־צוקריגען וואָס זיי קומט פיר די וואָהנונגען, ניט האָבענדיג מיט וואָס צו בע־

צאָהלען, וועלען זײַן געצוואונגען צו געברויכען געוואַלד אַלס אַ פערטהײַדיגונגס מיטעל אום אויף דער שטראַסע ניט אַרויס געשמיסען צו ווערען.

עס עקזיסטירט אַ געזעטץ אין די פעראייניגטע שטאַאַטען אַמעריקאַ, וועלכעס איז באַוואוסט אונטער דעם נאָמען „דאָס רעכט פון דער העכערער מאַכט". די רעגיערונג לאָזט זיך איבער די מאַכט, אַוועקצונעהמען לאַנד פון אַ פריוואַט פערזאָן, אויף אַ פרײַז, וועלכער איז פעסט געזעצט דורך דעם געזעטץ, ווען די געזעלשאַפט נײַטיגט זיך אין דיזען לאַנד.

ווען אַן אײַזענבאַהן־קאָמפּאַניע וויל בויען אַן אײַזענבאַהן־ליניע אויף אַ געוויסען שטיק לאַנד, וועלכעס בעלאַנגט צו אַ פריוואַט פערזאָן, מעג זי עס טהאָן אַפילו ניט דיזע פערזאָן אַנצופרעגען און בעצאָהלען דערפאַר, גראַדע אַזוי פיעל, וויפיעל דאָס געזעטץ האָט באַשטימט, דיזעס רעכט ווערט אויסגעאיבט דערפאַר, ווײַל דאָס געזעטץ וויל אונז אײַנרעדען, אַז אײַזענבאַהנען ווערען געבויט פיר דעם וואָהל פון דער געזעלשאַפט.

נו, לאָמיר יעצט זעהען אויב דיזעס רעכט ווערט געברויכט פאַר אַלע מענשען צו גלײַך אָדער נאָר פאַר אײַזענבאַהן קאָמפּאַניעס. צ. ב., ראובן באַזיצט 500 אַקער לאַנד אין דעם ווערטה פון 50 דאָלאַר אַן אַקער. נעבען איהם וואָהנט זײַן שכן שמעון, וועלכער האָט זיך אויך זײַן גאַנצען לעבען געפּלאָגט מיט זײַן ווײַב און קינדער און האָט אָבגעשפּאָרט 150 דאָלאַר, יעצט קומט דער שכן שמעון צו ראובן און בעט איהם פאַרקויפען 3 אַקער לאַנד, ראובן ענטזאַגט זיך דאָס צו טהאָן אָדער ער זאָגט: „פאַר מיר האָט דאָס לאַנד 2 מאָהל אַזוי פיעל די ווערט און איך וועל דיר אַנדערש דאָס לאַנד ניט פאַרקויפען, סײַדען דו וועסט מיר דערפאַר בעצאָהלען 300 דאָלאַר". שמעון ווערט אין כעס און לויפט צום ריכטער און בעקלאָגט זיך אויף דיזער ברוטאַלער האַנדלונג פון זײַן שכן ראובן. וואָס אַנטוואָרט איהם דער ריכטער? „דאָס אייגענטהום פון אַ פריוואַט פערזאָן מוז זײַן הײַליג. דאָס געזעטץ האָט קיין אויטאָריטעט פאַרנאַנדער צוזאָגען

וואָס ער זאָל טהאָן און וואָס ער זאָל ניט טוהן; אויב ער זאָל עס פארקויפען און פארוויפיעל ער זאָל עס פארקויפען א. ד. ג."

שולען, אוניווערזיטעטען און בילדונג אין אלגעמיין זענען אָהן צווייפעל די העכסטע שטופע פון מענשליכען גליק.. נור פיעלעס, וואָס ווערט יעצט אָנגערופען בילדונג מאכט גאנץ איינפאך מענשען אונפעהיג צו זיין ענטוויקעלט, טויזענדע שילער לערנען היינט זאכען, וועלכע האָבען ניט די מינדעסטע וויכטיגקייט פיר זיי אָדער דער געזעלשאפט. זיי פארברענגען כמעט אין גאנצען די צייט צו שטודירען שפראכען, וואָס זענען שוין זייט פיעלע יאָהרהונדערטע טויט און געשיכטען, וועלכע ענטהאלטען אין זיך ניט קיין ברעקעל אמת.

דער מנהג פון די אמאָליגע צייטען עקזיסטירט נאך יעצט: א געבילדעטער מענש טאָר זיך ניט באשעפטיגען מיט פהיזישע ארבייט; א געבילדעטער מענש מוז ארבייטען מיטן קאָפּ ניט מיט די הענד...

א סטודענט זאָל חו"ש געפונען ווערען ארבייטענדיג, וואָלט ער אריינגעוואָרפען געוואָרען אין חרם..,

א פאָעט היינטיגע צייטען וועט גיכער זיין צופרידען צו וואָהנען ערגעץ וואו אין א קליין פינסטער צימער'ל; צו באָרגען אויף ברויט ביי זיינע גוטע פריינד און אידעאלען פיר זיין פאָעזיע — ביי די טויטע, איידער צו לעבען פון פהיזישער ארבייט און שעפען אידעאלען פון די לעבעדיגע...,

אונזערע זאָגענאנטע אונטעליגענץ בעטראכט דעם נוצליכען טהייל פון דער מענשהייט, די ארבייטער, וואָס בעשאפען אלע רייכטהימער, אלס די נידעריגע קלאסע... זיי זענען צופרידען צו באפלעקען זייער זעלע. אבי נור זייערע אריסטאָקראטישע הענט לאָך זאָלען אויף אימער פערבלייבען ווייס און זויבער...

די אויפגאבע פון בילדונג זאָל זיין צו פארגרעסערען די ווערט און נוצליכקייט פון א מענשען; נוצליך פאר זיך אליין און נוצליך פאר דער געזעלשאפט. יעדער מענש זאָל געלערענט ווערען פון קינדהייט אָן זיך אליין צו פערזאָרגען, זאָל ער זיך אליין ערנעהרען.

צו לעבען אויף'ן רעכנונג פון יענעמס אַרבייט, דורך צוואַנג, וועלכע פערשקלאַפט אָדער דורך חיטערקייט, וועלכע רויבט, איז אַ פאַרברעכען; צו לעבען פון באָרגען, בעטלען און שנאָרען איז אַ שאַנדע פאַר דער געזעלשאַפט.

יעדער מענש זאָל לערנען אַ נוצליכע מלאכה, זיינע הענט זאָלען ענטוויקעלט ווערען, גראַדע ווי זיין געהירען. דאָס וואָלט איינגעוואָרצעלט אין יעדען מענשענס הערץ אַ בעשטרעבען נאָך פערזענליכער פרייהייט און פאָלשטענדיגע אונאַבהענגיגקייט, וועלכע זענען דער וואַהרער באָדען פון עהרע, כאַראַקטער און גליק, ווייל יעדער מענש, וויסענדיג, אַז ער איז דער געזעלשאַפט נוצליך, איז פאָלשטענדיג צופריעדען און האָט רעספּעקט פאַר זיך אַליין.

יעדעס קינד בעדאַרף לערנען ווי אַזוי צו געברויכען מאַשינעריע, אום צו פאַרשטעהן די גרויסע קראַפט, וועלכע דער מענש געברויכט צו זיין אַרבייט.

די יעצטיגע סיסטעמע פון בילדונג לערנט די שילער צו קענען פון אויסווענדיג נעמען פון פאַרשידענע וויסענשאַפטען, אָבער ניט די וויסענשאַפט, גראַדע ווי מיר וואָלטען אויסגע- לערנט די נעמען פון די מוזיק נאָטען אָהנע צו שפּילען.

אויף אַזאַ אופן וואָלטען די פעהיגקייטען פון אַ מענשען זיך אַליין אַרויס געצייגט. צו וואָס יעדער איז פון דער נאַטור פעהיג, ניט טרעפען גלאַט אין דער וועלט אַריין; צו לערנען די וויסענשאַפט אָדער די מלאכה דערפאַר, ווייל זי בעצאָהלט זיך בעסער. וואָס מעהר נאַטירליכע און וואַהרע בילדונג, אַלץ ווייניגער פאַרברעכען, ווייניגער קנעכטשאַפט און ווייניגער הערשאַפט.

דער שרעק בעשטראָפט צו ווערען; די שאַנדע, וועלכע די שטראָף און יסורים ברענגען, מעגען מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק אויף איניגע, אָבער קיין מענש ווערט ניט אויסגעבעסערט דורך דעם. מענשען קענען ניט געצוואונגען ווערען צו זיין גוט. ווען די אומשטענדען און פאַרהעלטניסע צווינגען זיי צו זיין שלעכט.

דאָס אַלעס, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט , איז שוין פּרובירט געוואָרען און אָהן ערפאָלג .

די אידעע, אַז די בעשטראָפונג איז דער איינציגער מיטעל צו פאַרברעכען , איז ניט געוועזען צוליעב דעם צוועק אום פאַרברעכער אויסצובעסערען , זאָנדערן זיי פון וועג אָבראַמען , ד. ה. די פאַרברעכער צו פּייניגען און אָנצוטאָהן זיי ענוּיִם קָשים אַזוי לאַנג ביז זיי וועלען שטאַרבען .

וואָס מעהר אַמענש ווערט ענטוויקעלט , אַלץ מעהר פיהלט ער שמערצען און פערגניגען ; אַלץ מעהר איז ער פעהיג צו פערשטעהן די פאַרניינפטיגע ווערטער : „אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ״, בעאורטהייל ניט דיין חָבֵר , ביז דו וועסט ניט דערגרייכען זיין לאַגע ; וואָס מעהר ענטוויקעלט דער מענש איז, דאָס מעהר דענקט ער וועגען זיין שָׁכֵן און וועגען דער גאַנצער געזעלשאַפט .

אַן ענטוויקעלטער מענש נעהמט אין אַנבעטראַכט די אומשטענדען און פאַרהעלטניסע . ער פאַרליהרט לאַנגזאַם די אֱמוּנָה אין דער פאַרשימעלטער טהעאָריע, אַז אַמענש קען טאָהן ווי ער וויל און אויף'ן פּלאַטץ פון דעם וואָרט „וויל״ שטעלט ער אַריין דאָס וואָרט „מוז״ .

די צייט איז געקומען , אַז מענשען זאָלען שוין פאַרשטעהן אַז אַ געוויסע טהאַט אָדער האַנדלונג פון אַ מענשען איז אַ פאָלגע פון די יעניגע פערהעלטניסע און אומשטענדען , אין וועלכע ער לעבט .

עס פאַרדריסט אונז שוין ניט מעהר, ווי אין די אַלטע צייטען, אויף'ן שטיין איבער וועלכען מיר זענען געפאַלען, אויף'ן פייער , ווארום ער ברענט אויף'ן וואַסער , וואַרום עס פאַרפלייצט און אויפן פראָסט, וואַרום ער פערפרייהט — וויל מיר ערקלערן ניט די זאַכען אַלס דעם ווילען פון גוטע אָדער שלעכטע רוחות , זאָנדערן מיר בעטראַכטען זיי אַלס נאַטירליכע פאָלגען פון געוויסע אורזאַכען און אומשטענדען . אַזוי בעטראַכט אויך יעדער ציווילי־זירטער מענש די האַנדלונג פון איינעם אָדער פיעלע פערזאָנען . אַלס אַ נאַטירליכען רעזולטאַט פון געוויסע אורזאַכען און אום־

שטענדען, וועלכע רינגלען אונז ארום. אכזריות, טיראניי, ברוטאליטעט און צוואנג קען ניט אויסבעסערען דעם מענשענס הערץ. דער, וועלכער איז געצוואונגען ניעדער צו קניען, בעטעלט, ווייל ער מוז; ניט ווייל ער וויל...

די דיסציפלין אין די געפענגניסע פארדארבט און ערביטערט יעדען געפאנגענעם געגען דער גאנצער געזעלשאפט. זיין געוויין ווערט ניט געהערט פון הינטער די שטיינערנע געפיינגעניסווענט; זיינע פראטעסטען ווערען פערשטיקט אין טורמע און דער אונגליקליכער געפאנגענער פיהלט, אז דער לעצטער באנד, וואס האט איהם צוזאמענגעהאלטען מיט זיינע מיטמענשען, איז צוריסען. ער ווערט פערווילדעט, ניט וויסענדיג וואס עס געהט פאר אויף דער אויסערער וועלט. די טורמע איז זיין בית הקברות און די צעלע — זיין קבר.

אין פיעלע געפיינגעניס געפינען זיך מארטער־אינסטרומענטען, מיט וועלכע די אונגליקליכע געפאנגענע ווערען געפלאגט און געקוועלט, ווען די וועכטערס ווערען אויף זיי בייז, אדער ווען זיי ווילען זיך פשוט אביסעל אמוזירען, אונטערזוכונגען ברענגען דעם קלענסטען נוטצען, ווייל די בעשטעטיגונג פון א געפאנגענעם האט קיין ווערט, אין מייסטע פעלע האט ער מורא אויסצוזאגען דעם אמת; נור ווען ער זאגט שוין יא אויס דעם אמת, גלויבט מען איהם ניט, ער ווערט בעטראכטעט פאר ווייניגער אלס א מענשליכעם וועזען און אזו פערבלייבט ער אהן שוטץ און הילפע ביז דער לעצטער פונק פון זיין לעבען ווערט פארלאשען.

עס איז פאקטיש בעוויזען, אז מענשען אין די געפענגניסע זענען ניט אין גאנצען שלעכט און ניט אין גאנצען גוט; אזוי ווי מענשען, וואס האבען דאס גליק ניט אריינצופאלען אין געפענגנים איז דער בעסטער פון זיי אומשטאנדע צו בעגעהען א פערברעכען און עס קען אויך זיין, אז דער ערגסטער, אונטער געוויסע אומשטענדען, קען טאהן איין עדעלע און גוטע טהאט, איינס שטעהט אבער פעסט, אז אפפער פון פארברעכען וועלען נימאלס אויסגעבעסערט ווערען דורך מאטער, קוואהל און פיין.

אונוויסענהייט, ארמוטה, קנעכשאפט און נויטה, זענען די מיסיאנערען פון מארד און פערברעכען. ווי לאנג אונהערליכע פערדינסטען וועלען בילדען אין דער געזעלשאפט געזעליכעם אייגענטהום; ווי לאנג אונזער געזעלשאפט־סיסטעמע וועט קניען און זיך בייגען אין דרייען פיר גרויסע געזעצליכע גנבים, וועלען זיין גענוג קליינע פערברעכער אנצופילען די געפענגניסען.

# ענדע

# די בעשטראפטע אונשולד.

(אויס דעם דייטשען)

וואס פיהרט מען דארט די מיידעל, די בלייכע,
גענבונדען דורך דער ענגער גאס?
וואס טראגט מען דארט די צארטע לייכע,
פארוויקעלט האלב און מארמאר-בלאס?
די מאסע מורמעלט שרעק-צוטראגען:
„ס'איז וואהר? מען וויים שוין יעצט איהר זינד?"
מען הערט אן-אלטע פרוי דארט זאגען:
„זי האט ערשטיקט איהר אייגען קינד!

*

*　*

די וויבער שטעהען טיעף געבויגען.
און הערען וואס די אלטע זאגט;
מיט כעס זעהען אלע אויגען
די עלענדע, וואס געהט פערצאגט.
מען זעהט קיין איינציג טרעהר ניט פאלען
פאר דער, וואס געהט צום קערקער יעצט,
דאך הערט מען שטימען צארנינג שאלען

און הענט זעהט מען צונויפגעקוועטשט...
אָה, פאָלק, מיט דיין בעשלוס, דעם שנעלען,
וואָס זעהט נור ביז צום נעקסטען שריט;
מיט דיין ענטציקונגס-פלאַם, דעם העלען,
וואָס נעהמט דיין גליק צום גרונד אָפט מיט —
וואָס ווייסטו, זאָג, מיט גיבע ווערטער
די עלענדע אין מאָרד-שולד איין
און געהסט אַריבער יענע ערטער,
פון וואו עס שטאַמט די גאַנצע פּיין?

* * *

קומט מיט! איך וועל דעם מערדער צייגען,
וואָס טראָגט די שולד פון דיעזען מאָרד;
איהר, בלינדע פּלובער, וועט דאַן שווייגען
ביים אָנבליק פון דעם גראָבען לאָרד.
איהר דאַרפט דעם בליק צום גלאַנץ ערהייבען,
צום שלאָס, וואָס איהר האָט אויפגעבויט,
דאָרט זיצט דער העלד, וואָס וויים צו רויבען
די אונשולד, וועלכע זיך פאַרטרויט...

* * *

ער זיצט אין גרויסע רייכע זאַאַלען,
אויף זייד און סאַמעט פריי און פראַנק,
בריליאַנטען וואַרפען צויבער שטראַהלען
אויף איהם, וואָס איז פון זינד האַלב קראַנק;
ער טרוימט אין זאַנפטען אבענד-שלוממער
פון מיידלאַך און פון ליעבם-גלוטה —
נאָר איהם בעשטראָף, דו פאָלק פון קוממער,
צופלייש איהם מיט דיין שטאַרקער רוט!...

י באָוושאָווער.